בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל

246

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש

## וויליאמסבורג

**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש

## בארא פארק

**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש

## קרית יואל

**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש

## קרית יואל

**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש

## בלומינגראוו

**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש

## מאנסי

**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָ"א"ש גֶערֶעדְט קֶעגְן זַיינֶע חוֹלְקִים?.............................א
קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף מַיין הַרְגָשָׁה, צוּ וִויסְן וָואס צוּ טוּן? ....................ד
אִיז דֶען דֶער רֶבִּי גְרֶעסֶער פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי? ................................ה
פַארְוָואס אִיז בַּיי מִיר אַזוֹי אָנְגֶעצוֹיגְן אִין דֶעם פְרֵיילִיכְן טָאג פוּן פּוּרִים? .........ח


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי מוּסָר רֵייד .......................................................א
מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן.............ב
אִיךְ וֶועל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וִוי דוּ הָאסְט מִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי גֶעהָאלְפְן...........ג
מֶען דַארְף גֵיין אַבִּיסְל צוּ דִי עֶלְטֶערְן........................................................ג
פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.................................................ד
מִיט גוּטֶע מִידוֹת אוּן אוֹיסְהֶערְן דִי טִיטְשֶׁערְס, וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין.............ד
אִיךְ וִויל נִישְׁט מֶען זָאל זִיךְ טְשֶׁעפֶּען אִין בֵּית פִּיגָא...............................ה
אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט פָארְקוּמֶען קַיין גֶעשְׁלֶעג..................................ה
אַז מֶען הַאלְט נִישְׁט קַיין הֲלָכוֹת שְׁטַארְבְּט מֶען יוּנְגֶערְהֵייט ..........................ו
אִין זְכוּת פוּן אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת ...............ז
וֶוען דוּ הָאסְט פַארְלוֹירְן דַיין נָאנְטֶער חַבֵר, שְׁטַארְק דִיךְ מִיט אֱמוּנָה............ח
הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֵייל מִיךְ אוֹיס.........................................................ח
רֶעד נִישְׁט מִיט לֵצִים, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין לֶעבְּן.....................................ט
נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע טָאג אַרְבֶּעט, גֵייט מֶען אִין שׁוּל לֶערְנֶען .............................י

אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט וִוי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ אִים.................. יא

מִיר הָאבְּן אַ בְּרִיק אַרִיבֶּער צוּ גֵיין אַלֶע שְׁוֶועֶרֶע וַואסֶערְן.......................יב

זַיי מְקָרֵב דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין חַבֶר'טֶעס ........................... יג

אוּנְזֶער פְּלַאץ זָאל זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג, נִישְׁט רֶעדְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט ...... יג

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער, דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין נֶעמֶען חִיזוּק.....יד

פַארְוָואס זָאלְט אִיר זִיךְ אוֹיפְעֶסְן אַז אַנְדֶערֶע הָאבְּן אוֹיךְ אַ גוּט לֶעבְּן? .......... טו

מִיטְ'ן הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס שׁוּל גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דִיר אַלֶע דִינִים .................. טז

יֶעדֶעס מָאל מֶען וִויל גֵיין צוּם צַדִיק וֶוערְט גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת.......................יז

אַ קַאפְּל בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם.............................................יח

עֶפֶענֶען אַ "וְעַד הָאֵשֶׁ"ל" אִין שְׁטֶעטְל ..................................... יט

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶער נֵס .......................כ

דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲתוּנָה פְּלַאן..............................................כ

אֲפִילוּ דִי בָּחוּרִים וָואס אַרְבֶּעטְן, זָאל אַרַיינְקוּמֶען נֶעמֶען אַבִּיסְל חִיזוּק.........כב

קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיךְ נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן פוּן גֵיין אִין שׁוּל דַאוְוענֶען ..............כב

בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק, פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע אוּן עֲבֵירוֹת...... כג

דִי בָּארְד הִיט מִיךְ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.......................................כד

מֶען זֶעט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער ........................כה

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן נַחַת דִקְדוּשָּׁה בַּיי אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער .........כה

וִוי קֶען אַ אִיד הֵייבְּן הֶענְט אוֹיף אַ טַאטֶע?.................................כו

חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע קֶען נִישְׁט גֵיין אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער .........כז

וָואס דֶער דַיָין פַּסְקְ'נְט, אַזוֹי אִיז דִי הֲלָכָה.................................כח

רֵיינְקֵייט אִיז נִישְׁט אַ מָאדֶערְנֶע זַאךְ ......................................כח

אַז דֶער צַדִיק אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, דַארְף מֶען זוּכְן זַיינֶע תַּלְמִידִים ...............ל

אַז מֶען פָּארְט צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן, דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן ...............לו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶערֶעדְט קֶעגְן זַיינֶע חוֹלְקִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אִין גַן עֵדֶן מִיט דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לֶערְנְט מִיט מִיר, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט נִתְרַחֵק וֶוערְן.

אִיךְ הָאב אַ שְׁאֵלָה; עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר וֶוען אִיךְ הֶער דְרָשׁוֹת וִוי מוֹהֲרָא"ש רֶעדְט אוֹיף זַיינֶע חוֹלְקִים, וָואס אַלֶע קֶענֶען זֵיי פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן אִיךְ קֶען זֵיי אוֹיךְ אַבִּיסְל; אִיךְ קֶען נִישְׁט הֶערְן וִוי מֶען אִיז זֵיי מְבַטֵל, מֶען מַאכְט זֵיי פַאר אַ גָארְנִישְׁט.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן הָאט מִיר אוֹיךְ אֵייבִּיג גֶעשְׁטֶערְט דִי קַשְׁיָא; וִוי קֶען זַיין עֶס שְׁטֵייט אַזוֹי אוֹיף זַיין חוֹלֵק, וָואס בַּיי אַנְדֶערֶע צַדִיקִים אִיז עֶר קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים.

אִיךְ בִּין דָאךְ גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט אוֹיף צוּ חוֹלֵק זַיין אוֹיף צַדִיקִים, פַארְוָואס זָאל אִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן אַז אַלֶע זֶענֶען הֵיילִיג?

אִיךְ בֶּעט כְּסֵדֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי צַדִיקִים וָואס בְּרֶענְגֶען מִיר צוּרִיק צוּ אִים. אִיךְ בֶּעט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר בַּאלַייכְטְן דִי אוֹיגְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ו אֲדָר א׳, שׁוּשַׁן פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס בַּאדֶערְט דִיר אוֹיךְ אוֹיף דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מֶען וָואלְט זֵיי גֶעקֶענְט רַאטֶעוֶוען מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת און חִיזוּק פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, און יֶעצְט וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט לָשׁוֹן הָרָע פוּן דִי בַּעֲלֵי לָשׁוֹן הָרָע זֶענֶען זֵיי אִינְגַאנְצְן פַּארְפַאלְן - דָאס טוּט דִיר אוֹיךְ וויי? נָאךְ אַ מַזָל מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶערֶעדְט קֶעגְן זֵיי, וֶוען נִישְׁט וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ.

וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא״שׁ - זֶענֶען צוּ מִיר גֶעקוּמֶען מַיינֶע חֲבֵרִים, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט: ״וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מוֹהֲרָא״שׁ אִיז נִישְׁט עֶכְט בְּרֶסְלֶב, דִי זְקֵנִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ״; מִיר אִיז דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הֶערְן, פוּן אֵיין זַייט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן דִי גָאלְדֶענֶע בַּארְג מִיטְ׳ן פֶּערְלְנֶעם שְׁלָאס, נָאכְן אַזוֹי לַאנְג זוּכְן הָאבּ אִיךְ עֶנְדְלִיךְ גֶעפוּנֶען אֵת שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי, עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט מִצְוֹת, און דָא פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט רֶעדְן מַיינֶע חֲבֵרִים בְּשֵׁם דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר זְקֵנִים אַז דָאס אִיז נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ.

עֶס אִיז מִיר גֶעוָוארְן אִין מַיין קָאפּ אַ וֶועלְט מִלְחָמָה. אִיךְ בִּין וַוייטֶער גֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, און מוֹהֲרָא״שׁ בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ הָאט דָאס גֶעזֶען, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן לָשׁוֹן הָרָע, אַז דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן קֶעגְן דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים זֶענֶען גְרוֹיסֶע בַּעֲלֵי עֲבֵירָה, אַנְדֶערְשׁ וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט גֶערֶעדְט; אַן עֶרְלִיכֶער אִיד רֶעדְט נִישְׁט אוֹיף סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז:): ״כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ עַזּוּת פָּנִים מוּתָּר לִשְׂנֹאותוֹ״,

אַז דוּ וֶועסְט אַן עַזּוּת פָּנִים - מֶעגְסְטוּ אִים פַּיינְט הָאבְּן, "מוּתָּר לִקְרוֹתוֹ רָשָׁע", מֶען מֶעג אִים רוּפְן רָשָׁע, אוּן דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ נוֹאֵף; עֶס הָאט נִישְׁט צוּטוּן וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, וֶוער עֶס פַארְשֶׁעמְט עֶרְלִיכֶע אִידְן, עֶר אִיז מְבַזֶּה סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאל עֶר זַיין וֶוער עֶר אִיז, אִיז עֶר אַ שְׁלִיחַ פוּנֶעם שָׂטָן.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן דִי בְּרִיוו; דָאס אִיז אַלֶעס נָאר בִּזְכוּת מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, וָואס אִיךְ זָאג - אִיז פוּן מוֹהֲרָא"ש, אוּן נָאר בִּזְכוּת דֶעם וָואס מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אַזוֹיפִיל רֶעדְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, מְגַלֶּה זַיין דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן קֶעגְן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה מְצִיאוּת הַשֵּׁם - וֶוער זֵיי זֶענֶען, נָאר בִּזְכוּת דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט דִי כֹּחַ צוּ פַארְבְּלַייבְּן דָא, אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער צַדִּיק גֶעבְּט מִיר.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז עֶס שְׁטֶערְט דִיר אוֹיךְ פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט וְכוּ'; טוּ תְּשׁוּבָה, וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן דִי חוּצְפָּה צוּ הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף צַדִּיקִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לו): "דְּזֶה הוּא כְּלָל גָּדוֹל", דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע כְּלַל, "שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְשׁוּם אָדָם לְהַשִּׂיג וְלִתְפֹּס בְּדִבּוּרוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק", מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם צַדִּיק, "אִם לֹא שֶׁתִּקֵּן תְּחִלָּה אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ כָּרָאוּי", אוֹיבּ מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט מְתַקֵּן גֶעוֶוען אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, "וַאֲזַי יָכוֹל לְהָבִין וְלִתְפֹּס דִּבּוּרוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק", נָאר נָאכְן מְתַקֵּן זַיין אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ - קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם צַדִּיק. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט "סְלוּקָא דִיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּיסוֹד גֵייט דִי פְּגַם בִּיז מֹחַ, "שֶׁהֵם בְּחִינַת חָכְמָה וּבִינָה, שֶׁהֵם י"ה, שֶׁהֵם מֹחִין, נִמְצָא כְּשֶׁתִּקֵּן אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ כָּרָאוּי אֲזַי הַמֹּחִין שֶׁלּוֹ בִּשְׁלֵמוּת, וְיָכוֹל לְהָבִין דִּבּוּרוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק כְּפִי הַתִּקּוּן שֶׁל כָּל אֶחָד, כָּךְ הוּא הַשָּׂגָתוֹ", לוֹיט וויפִיל מֶען פַארְרֶעכְט, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה - נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן אַן הַשָּׂגָה אִינֶעם צַדִּיק.

אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיט חוּצְפָּה פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט אַזוֹי וְכוּ'

- אִיז דָא אֵיין עֶנְטְפֶער: גֵיי וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְעֶכְט כָאטְשִׁיג אֵיין פְּגַם, אֵיין עֲבֵירָה, כָּל שְׁכֵּן וֶוען מִיר זֶענֶען אִיבֶּער דִי אוֹיעֶרְן מִיט עֲבֵירוֹת.

...

## קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף מַיין הַרְגָשָׁה, צוּ וִויסְן וָואס צוּ טוּן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אַסַאךְ מָאל וֶוען אִיךְ הָאב סְפֵיקוֹת וָואס צוּ טוּן, הָאב אִיךְ דֶעמָאלְט אַן הַרְגָשָׁה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִיךְ זָאל טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אוֹיב מֶען קֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף דֶעם.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעגֶעבְּן אַ סִימָן אַז וֶוען דֶער שֵׁם הֲוָיָ"ה שַׁיינְט פַאר דִי אוֹיגְן בִּקְבִיעוּת, זֶענֶען דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ אֱמֶת'דִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וִויל אִיךְ פְרֶעגְן, לְעֵת עַתָּה, אַז אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן דֶעם, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ וִויסְן אוֹיב אִיז עֶס טַאקֶע רְצוֹן הַשֵּׁם אָדֶער נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ד אֲדָר א׳, פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז דוּרךְ הִתְבּוֹדְדוּת וֵוייסְט מֶען וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן. הִתְבּוֹדְדוּת אִיז, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט.

הִתְבּוֹדְדוּת קְלָארְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן וַוייזְט אִים וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן. יֶעדֶעס מָאל מֶען הָאט אַ סָפֵק, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט ׳יָא׳ אָדֶער ׳נֵיין׳, ׳גֵיין׳ אָדֶער ׳נִישְׁט גֵיין׳, ׳טוּן׳ אָדֶער ׳נִישְׁט טוּן׳, - בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען

שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס, מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיס אַלֶע פְּרָטִים אוּן נָאכְדֶעם בַּאקוּמְט מֶען רְמָזִים פוּן הִימְל וִוי אַזוֹי מֶען זָאל זִיךְ פִירְן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס דַארְף זַיין גֶעבִּינְדְן מִיטְ'ן שֻׁלְחָן עָרוּךְ; דָאס הֵייסְט, נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז מִיט דִי הֲלָכָה. חַס וְשָׁלוֹם צוּ זָאגְן אַז מֶען הָאט אַ רֶמֶז צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, חַס וְחָלִילָה צוּ זָאגְן 'אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן עֶס אִיז מִיר קְלָאר אַז אִיךְ דַארְף טוּן זַאכְן קֶעגְן דִי תּוֹרָה'; מֶען רֶעדְט נָאר זַאכְן וָואס זֶענֶען מוּתָּר צוּ טוּן, מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען בַּאקוּמְט תְּשׁוּבוֹת וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן.

דָאס אִיז אוֹיךְ דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען שְׁטֶענְדִיג דִי שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא; וִוי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט דִי מֹחַ רֵיין אוּן לוֹיטֶער, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, צוּ זֶען שֵׁם הַשֵּׁם פַּאר זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיז דֶען דֶער רֶבִּי גְרֶעסֶער פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ גֶעוְוישֶער צַדִיק וָואס פְלֶעגְט פָארְן יֶעדֶעס יָאר קַיין מִירוֹן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר מֶעג פָארְן קַיין אוּמַאן, הָאט דֶער צַדִיק אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ קֶען דִיר נָאר זָאגְן אֵיין זַאךְ, גֵיי דוּרְךְ דֶעם קֶבֶר פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אוּן זָאג מִיר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט טְרֶעפְן אַ בֶּעסֶערֶער מֵלִיץ יוֹשֶׁר פוּן אִים", דָאס הֵייסְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גְרֶעסֶער פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אוּן דֶער אִיד הָאט שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דִי מַעֲשֶׂה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ט אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיךְ זָאג צוּ דִי מַעֲשֶׂה? אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס דוּ ווִילְסְט; וֶוער רֶעדְט פוּן גְרֶעסֶער קְלֶענֶער? דוּ מַאכְסְט אַ טָעוּת, דָא רֶעדְט מֶען נִישְׁט וֶוער עֶס אִיז גְרֶעסֶער, דָא רֶעדְט מֶען פוּן אַ צַדִיק וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר - וֶועט עֶר מְתַקֵן זַיין. עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען זַייט בְּרִיאַת הָעוֹלָם אַ צַדִיק וָואס זָאל צוּזָאגְן מִיט צְוֵויי עֵדוּת דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

גְרֶעסֶער, קְלֶענֶער, - דוּ מַאכְסְט מִיךְ לַאכְן; מִיר קְלֵיינֶע קֶעפֶּעלֶעךְ, קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ, - זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי זַאכְן, מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט וֶועגְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים. אָךְ אוּן וֵויי פַאר דִי וָואס שְׁטוּפְּן אַרַיין דִי נָאז אִין דִי זַאכְן, עֶס קוּמְט צוּ לַאכְן וֶוען מֶען הֶערְט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית - מֶעסְטְן צַדִיקִים; דֶער צַדִיק אִיז גְרוֹיס בִּיזְן דַאךְ, דֶער אַנְדֶערֶער אִיז גְרוֹיס בִּיזְן הִימְל; מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז מוֹחֵל זַיין.

מִיר פָארְן צוּם רֶבִּי"ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תח): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה

שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֵעָדֵר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז, אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר".

וֶוען עֶס וַוארְט דִיר אַ מִשְׁפָּט וָואלְסְטוּ גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַ לוֹיעֶר, אָדֶער דוּ וָואלְסְט גֶעמַאכְט דֶעם וִוילְ אוּן קוֹדֶם אַרִיבֶּער אִין מִירוֹן וְכוּ'? וֶוען דוּ בִּיסְט לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם נִישְׁט גֶעזוּנְט אוּן דוּ דַארְפְסְט גֵיין זוּכְן אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער - וָואלְסְטוּ אוֹיךְ גֶעזָאגְט דִי לֵיצָנוּת, אָדֶער דוּ וָואלְסְט גֶעגַאנְגֶען צוּם גְרוֹיסְן דָאקְטֶער, אוּן צוּם גְרוֹיסְן לוֹיעֶר?!

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער גְרוֹיסֶער יוֹם הַדִּין; מֶען אִיז דַן "מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בָאֵשׁ וּמִי בַמַּיִם", אַלֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדִיעֶס וָואס מֶען הֶערְט אַ גַאנְץ יָאר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - וֶוערְט אַלֶעס אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. יֶעדְן טָאג וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן, מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן, יוּנְגֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן אָן עֶלְטֶערְן הַשֵּׁם יְרַחֵם, אַלֶע שְׁפִּיטָעלֶער זֶענֶען לֹא עָלֵינוּ אָנְגֶעפִילְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דָא אִיז דָא אַ צַדִּיק וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, עֶר קֶען יֶעדְן מְתַקֵּן זַיין; קוּק וָואס רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט - וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז): "אָמַר, שֶׁיְּכוֹלִין

אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה - קֶען עֶר יֶעדְן פַארְרֶעכְטְן; נוּ וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה? אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל לוֹיפְט קַיין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

...

## פַארְוָואס אִיז בַּיי מִיר אַזוֹי אָנְגֶעצוֹיגְן אִין דֶעם פְרֵיילִיכְן טָאג פוּן פּוּרִים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן פּוּרִים, אִיךְ הָאבּ קַיין עַיִן הָרָע פִּינְף קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן עֶס קוּמְט מִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס אַרוּמְלוֹיפְן אוּם פּוּרִים פוּן אֵיין בַּאבֶּע צוּ דִי אַנְדֶערֶע. אִיךְ טְרַאכְט אַז פּוּרִים וָואלְט גֶעדַארְפְט זַיין אַזַא פְרֵיילִיכֶע טָאג, מֶען זָאל זַיין אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, מַאכְן אַ פְרֵיילִיכֶע סְעוּדָה, אוּן טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיף אַלֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן אוּן טוּט נָאכְאַלְץ מִיט אוּנְז, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶס מִיר אַזַא אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְטֶע טָאג וָואס מֶען דַארְף אַרוּמְלוֹיפְן צוּ אַלֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, אוּן בַּיי יֶעדֶע הוֹיז דַארְף מֶען נָאכְאַמָאל אוֹיסְטוּן דִי מַאנְטְלֶען אַז יֶעדֶער זָאל זֶען ווִי שֵׁיין דִי קִינְדֶער זֶענֶען פַארְשְׁטֶעלְט, אוּן דִי קִינְדֶער אַלֵיין זֶענֶען אִינְגַאנְצְן צֶעדְרֵייט, אוּן אַזוֹי בְּלַייבְּט נִישְׁט צוּפִיל כֹּחַ אוּן מֹחַ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

אוֹיסֶער דֶעם הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק חֵשֶׁק אָנְצוּקוּמֶען אוּם פּוּרִים אָוֶוענְט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ

טְרִינְקֶען קַיין סאך וויין אַ גַאנְצְן טָאג אַז איך זָאל קֶענֶען הֶעלְפְן מַיין ווייב און נָאך קֶענֶען אָנְקוּמֶען אִין שׁוּל, אָבֶער נָאך אַזאַ שְׁוֶוערֶע טָאג דַארְף אִיךְ נָאך אַהֵיימְגֵיין הֶעלְפְן מַיין ווייב לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער און נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ אַרַיין אִין בֶּעט און אוּם שׁוּשַׁן פּוּרִים הָאבּ אִיךְ אַזוֹי חֲרָטָה פַארְוָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל. יֶעדֶעס יָאר וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַארְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן "צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי", ווִי אַזוֹי דֶער אִיד אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן בַּיים טַאנְצְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיי רֶבִּי מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, - שְׁטֶערְט מִיר עֶס נָאכְאַמָאל אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין פּוּרִים מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

מַיין שְׁאֵלָה אִין קוּרְצְן אִיז צְוֵויי זַאכְן: אֵיינְס אַז עֶס אַ שְׁוֶוערֶע טָאג בִּכְלַל, און צְוֵוייטְנְס אַז אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן אִין שׁוּל. אֶפְשַׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּן עֶפֶּעס חִיזוּק און עֵצוֹת אוֹיף דֶעם? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן כֹּחַ פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה ווייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ט אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ ווִי אַזוֹי מֶען קוּקְט דֶערוֹיף; אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט וָואס עֶלְטֶערְן זֶענֶען, מֶען הַאלְט דִי עֶלְטֶערְן טֵייעֶר, - אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ גֵיין צוּ זֵיי; אַדְרַבָּה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ וֶוען עֶס קוּמְט אַ יוֹם טוֹב וְכַדּוֹמֶה, מֶען וַוארְט אוֹיף אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט וֶוען צוּ גֵיין צוּ אַ זֵיידֶע, אַ בַּאבֶּע - זֵיי מְחַיֶּ' זַיין אוּן נֶעמֶען בַּיי זֵיי אַ בְּרָכָה. בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס וֵוייסְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן עֶלְטֶערְן - אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, צוּ קֶענֶען גֵיין פּוּרִים מִיט דִי מִשְׁפָּחָה; עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁוֶוער אָנְצוּטוּן און אוֹיסְטוּן דִי מַאנְטְלֶען, ווַייזְן פַאר יֶעדֶע זֵיידֶע און בַּאבֶּע דִי פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס, עֶס אִיז אַ שִׂמְחָה און אַ פְרֵייד.

נִישְׁט אַלֶע זֶענֶען זוֹכֶה צוּ קֶענֶען גֵיין צוּ עֶלְטֶערְן, אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת וָואלְטְן גֶעוָואלְט גֵיין פּוּרִים צוּ זֵיידֶעס און בַּאבֶּעס אָבֶער זֵיי הָאבְּן לֵיידֶער נִישְׁט; אַז דוּ הָאסְט בַּאבֶּעס מִיט זֵיידֶעס וואוּ צוּ גֵיין מִיט דַיינֶע קִינְדֶער -

זָאלְסְטוּ גֵיין מִיט שִׂמְחָה און פְרֵייד. אוֹיךְ אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, מְחַיֵּ' זַיין עֶלְטֶערְן; עֶס אִיז פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוֹת אִין דִי תּוֹרָה.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים, זָאלְסְט קֶענֶען אוֹיסְנִיצְן דֶעם טָאג מִיט גוּטֶע זַאכְן און טוּן דִי מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה. פּוּרִים אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע טָאג, מֶען קוּמְט צוּ דִי בְּחִינָה פוּן (מְגִילָּה ז:): "עַד דְּלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי", מֶען וֶוערְט גֶעוָואר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, סֵיי וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, בִּבְחִינַת "אָרוּר הָמָן", און סֵיי וֶוען עֶס גֵייט אַלֶעס גוּט, בִּבְחִינַת "בָּרוּךְ מָרְדְּכַי"; אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען קוּמְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַּרְגָּא, מֶען וִויל גָארְנִישְׁט - נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וִויל גָארְנִישְׁט, עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט; עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ 'אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט', עֶר דַארְף נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, - דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ. מֶען קֶען שְׁרֵייעֶן (תְּהִלִּים כה, יז): "צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ, מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי", - וואוּ אִימֶער מֶען גֶעפִינְט זִיךְ, מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין דַוְקָא צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ קֶענֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַזַא שֵׂכֶל, אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיבֶּעראַל, עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט אֱמוּנָה וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ.

אַוַדַאי אִיז אַ גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג, מֶען טַאנְצְט אִינְאֵיינֶעם, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אִינְאֵיינֶעם, מֶען וֵויינְט אִינְאֵיינֶעם, מֶען דַאנְקְט אִינְאֵיינֶעם וְכוּ' וְכוּ'; אָבֶּער דָאס אִיז נָאכְן זַיין מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, נָאכְן זַיין בַּיי דִי עֶלְטֶערְן, עֶלְטֶערְן קוּמֶען פַאר דֶעם; גֵיין צוּ עֶלְטֶערְן, זֵיי מְחַיֶּ' זַיין - אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# איש אֱמוּנוֹת

**וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי מוּסָר רֵייד**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ זֶע פוּן דַיין בְּרִיוו אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן; דוּ הָאסְט נִישְׁט גוּט אוֹיפְגֶענוּמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ; דוּ בִּיסְט אַ טֵייעֶר קִינְד, אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ. דָאס וָואס אִיךְ זָאג דִיר וְוִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וְכוּ׳, אַזוֹי טוּ אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער; מַיינֶע קִינְדֶער זָאג אִיךְ, אִיךְ גֶעבּ זֵיי מוּסָר, - נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵיי לִיבּ.

לוֹיט דַיין הִתְנַהֲגוּת וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ; דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט גוּטֶע מִידוֹת, דוּ הָאסְט אַלְץ אַ שְׁמֵייכְל; אִיךְ זֶע אַ שֵׁיינֶע עָתִיד פַאר דִיר.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אִיבֶּער דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט בְּנוֹגֵעַ דִי בָּחוּרִים וְכוּ׳; אִיךְ וְויל נָאר עֶס זָאל דִיר גוּט זַיין, אַז דוּ בִּיסְט קְלוּגֶער פוּן מִיר, דוּ פַארְשְׁטֵייסְט בֶּעסֶער - זָאל דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָאלְגְן - וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן; עֶס לִיגְט אִין דַיינֶע הֶענְט דִי בְּחִירָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ פְרֶעגְסְט מִיר פַארְוָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער? פְּרֶעג זֵיי; זֵיי הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז זֵיי נֶעמֶען אַרוֹיס, זֵיי זֶענֶען נֶעֱלָם גֶעוָוארְן פוּן אֵיין מִינוּט אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן; אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי.

בְּסַךְ הַכֹּל הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶפְנְט דִי טִיר וֶוען עֶר אִיז אַהֶערְגֶעקוּמֶען וואוֹינֶען פוּן יַבְנְאֵל, בַּיי מִיר זֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵייעֶר חָשׁוּב. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעטְרָאפְן פַאר אַפָּאר יָאר צוּרִיק, עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט זִיךְ אַהֶערְגֶעצוֹיגְן קַיין אַמֶערִיקֶע, אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט אִים, אִיךְ דֶערְצֵייל אִים אַז מִיר הָאבְּן מוֹסְדוֹת וָואס פִירְן זִיךְ אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעוָואלְט; אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: "בַּיי אוּנְז הָאסְטוּ אַן אָפֶענֶעם טִיר", אוּן פוּן אֵיין מִינוּט אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן זֶענֶען זֵיי פַארְשְׁווִינְדְן גֶעוָוארְן.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף דִי וֶועלְט - אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; ווִי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט דָא - אַזוֹי אִיז דָארְט. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז עוֹלָם הָאֱמֶת, דָארְט אִיז יֶעדֶער בַּיים צַדִּיק; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן עד): "הַמְּקֹרָבִים שֶׁיֵּשׁ לַצַּדִּיק בְּחַיָּיו, הֵם יִהְיוּ מְקֹרָבִים בְּמוֹתָם [בְּמוֹתוֹ]", וֶוער עֶס אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִּיק אוֹיף דִי וֶועלְט - דֶער אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִּיק אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ וֶועל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וִוי דוּ הָאסְט מִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי גֶעהָאלְפְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מַזָל טוֹב ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֶועל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען צֶעדְרוּקְט, מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעבְּן אַ רִיר מִיט דִי יְשִׁיבָה, חֵדֶר, סְקוּל, אוּן דוּ בִּיסְט מִיר גֶעשְׁטַאנֶען אַזוֹי גֶעטְרֵיי אוּנְז גֶעהָאלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן קֶענֶען וַוייטֶער טוּן גוּטְס פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

...

## מֶען דַארְף גֵיין אַבִּיסְל צוּ דִי עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט הַנָאָה אִין שְׁטֶעטְל.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ׳; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז אַייךְ אִיז בֶּעסֶער אוּן גֶעשְׁמַאקֶער צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, אָבֶּער דָאךְ, אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן רוּפְן אַייךְ, זֵיי ווִילְן אִיר זָאלְט קוּמֶען וְכוּ׳ - אִיז כְּדַאי צוּ גֵיין; מֶען קֶען דָאס אַיינְטֵיילְן, זַיין אַבִּיסְל אוּן שְׁטוּבּ אוּן זַיין אַבִּיסְל בַּיי זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ב אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן, גֵיי מִיט אִיר צוּם דָאקְטֶער, עֶס זֶעט אוֹיס אַז אִיר מֹחַ אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט; עֶס אִיז דָא רְפוּאוֹת פַאר דִי זַאכְן.

אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט! זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

...

## מִיט גוּטֶע מִידוֹת אוּן אוֹיסְהֶערְן דִי טִיטְשֶׁערְס, וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ב אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אִיר הָאט לִיבּ סְקוּל, אִיר הָאט לִיבּ אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס אוּן אִיר הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ אַלֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט.

אַז אִיר וֶועט זִיךְ וַוייטֶער פִירְן מִיט אַייעֶרֶע גוּטֶע מִידוֹת אוּן אוֹיסְהֶערְן אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס - וֶועט אִיר זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע אוֹיבּ מֶען מֶעג שְׁפִּילְן וְכוּ׳; שַׁבָּת שְׁפִּילְט מֶען נִישְׁט מִיט שְׁנֵיי, מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ חִלּוּל שַׁבָּת.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע וֶועגְן הוֹיזְן וְכוּ׳; טוּט נִישְׁט אָן קַיין הוֹיזְן, הוֹיזְן אִיז פַאר אִינְגְלֶעךְ, מֵיידְלֶעךְ טְרָאגְן קְלֵיידֶער; הוֹיזְן אִיז פְּרִיצוּת פַאר מֵיידְלֶעךְ.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע וְכוּ׳; טוּט אָן דִי קְלֵייד וָואס אַייעֶר מַאמֶע זָאגְט אָנְצוּטוּן.

וָואס אִיר דַארְפְט בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ.

...

## אִיךְ ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל זִיךְ טְשֶׁעפֶּען אִין בֵּית פֵיגָא

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ב אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר יֶעדֶעס מָאל אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַ בְּרִיוו.

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים אוּן הֶעלְפְט אַייעֶר מַאמֶע.

אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַייךְ אִין סְקוּל זָאלְט אִיר זָאגְן פַאר אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס; אִיךְ ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל זִיךְ טְשֶׁעפֶּען אִין בֵּית פֵיגָא.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט פָארְקוּמֶען קַיין גֶעשְׁלֶעג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ג אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ זַיין אַחֲרָאִי אוֹיף דִי דָארְמֶעטָארִי - דַארְפְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט פָארְקוּמֶען קַיין גֶעשְׁלֶעג.

פְרַייטָאג פַארְטָאגְס הָאט אַ בָּחוּר צֶעשְׁלָאגְן אַ צְוֵוייטֶער בָּחוּר, עֶר הָאט אִים אוֹיפְגֶעוֶועקְט פִיר אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס עֶר זָאל אוֹיפְרוּמֶען דִי שְׁטוּבּ. אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַזוֹינְס נִישְׁט גֶעהֶערְט! וֶוער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט? וֶוער הָאט אִים גֶעשְׁטֶעלְט אַיינְצוּטֵיילְן וָואס, וֶוען אוּן ווִי?! אוּן אֲפִילוּ עֶר אִיז מְמוּנֶה, וָואס אִיז דָאס אוֹיפְוֶועקְן אַ צְוֵוייטֶער בָּחוּר?! עֶס אִיז נִישְׁט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס בַּחוּרִים קוּמֶען זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף אִים. עֶר הָאט יֶענֶעם גֶעשְׁלָאגְן אַזֶעלְכֶע מַכּוֹת, בִּיז מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶעפִירְט אִין שְׁפִּיטָאל, הַצָּלָה אִיז גֶעקוּמֶען מִיךְ אוֹיפְוֶועקְן; פְרֶעג נִישְׁט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, אוֹיבּ אַ בָּחוּר הֵייבְּט הֶענְט - זָאלְסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן

פון אים וָואס שְׁנֶעלֶער. אֵיינֶער וָואס שְׁלָאגְט - אִיז אַ שֵׁ״ד, אַ מַזִּיק; אַ אִיד שְׁלָאגְט נִישְׁט, אַ אִיד הָאט רַחְמָנוּת.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְבָמוֹת עט.) דִי סִימָנִים פון אַ אִיד זֶענֶען: ״רַחֲמָנִים, בַּיְישָׁנִין, וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים״; אַזוֹי וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אֶבֶן הָעֶזֶר סִימָן ב, סְעִיף ב), וֶוען מֶען זוּכְט אַ שִׁידוּךְ, מֶען וויל וִויסְן מִיט וֶועמֶען זִיךְ מְשַׁדֵּךְ צוּ זַיין, אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַ שְׁלֶעגֶער - זָאל מֶען שְׁטֵיין וַוייט פון אִים, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז אִין זַיין בְּלוּט אִיז אוֹיסְגֶעמִישְׁט גוֹי׳אִישֶׁע בְּלוּט, אַ מִשְׁפָּחָה וָואס קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט - דֶער אִיז אַ מְיֻחָס.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי אוּנְז אַזֶעלְכֶע זַאכְן.

...

## אַז מֶען הַאלְט נִישְׁט קַיין הֲלָכוֹת שְׁטַארְבְּט מֶען יוּנְגֶערְהֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ג אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

לְכָבוֹד ... שֶׁיִּחְיוּ

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אֵיין שְׁאֵלָה הָאבּ אִיךְ פַּאר אַייךְ, עֶנְק ווילְן לֶעבְּן אָדֶער שְׁטַארְבְּן? אַז מֶען הַאלְט נִישְׁט קַיין הֲלָכוֹת שְׁטַארְבְּט מֶען יוּנְגֶערְהֵייט.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן, (שַׁבָּת יג.) אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: ״מַעֲשֶׂה בְּתַלְמִיד אֶחָד שֶׁשָּׁנָה הַרְבֵּה וְקָרָא הַרְבֵּה וְשִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הַרְבֵּה, וּמֵת בַּחֲצִי יָמָיו״, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט זֵייעֶר פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן זֵייעֶר יוּנְג, זַיין וַוייבּ הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּם לוֹיפְן צוּ אַלֶע שׁוּלְן אוּן יְשִׁיבוֹת אוּן גֶעפְרֶעגְט: ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מַיין מַאן אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים ל, כ): ״כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ״, וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה וֶועט לַאנְג לֶעבְּן, מַיין מַאן הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה - חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, פַארְוָואס אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן אַזוֹי יוּנְג?! ״וְלֹא הָיָה אָדָם מַחֲזִירָהּ

דָּבָר", קֵיינֶער הָאט אִיר נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, בִּיז אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי פְּרוֹי אוּן זִי הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעפְרֶעגְט: "אִיר הָאט גֶעהַאלְטְן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה? אִיר הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף הַרְחָקוֹת?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "הַרְחָקוֹת הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעהַאלְטְן"; הָאט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיר גֶעזָאגְט: "בָּרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁהֲרָגוֹ", גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט אִים גֶע'הַרְגְ'עֶט, וַוייל אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא יח, יט): "וְאֶל אִשָּׁה בְּנִדַּת טֻמְאָתָהּ לֹא תִקְרַב".

...

## אִין זְכוּת פוּן אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן דִי פְרֵיילִיכֶע נַייעֶס אַז אִיר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיט אַייעֶרֶע כֹּחוֹת אוּן זִיךְ אָפְּגֶעשוֹירְן אַייעֶרֶע הָאר.

אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ אַייךְ, בִּזְכוּת דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת; דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה זָאל רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב, אִיר אוּן אַייעֶר מַאן זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער צַדִּיקִים.

אִיר הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַיֶּ' גֶעוֶועזְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען דו הָאסְט פַארְלוֹירְן דַיין נָאנְטֶער חַבֵר, שְׁטַארְק דִיךְ מִיט אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ג אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט פַארְלוֹירְן דַיין נָאנְטֶער חַבֵר, דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעשׁוֹידֶערְט, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַארְלִירְן דַיין אֱמוּנָה.

פְרֶעג נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת; אַ אִיד פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, גוֹיִם פְרֶעגְן אַלְץ קֻשְׁיוֹת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים עט, י): ״לָמָּה״ - פַארְוָואס? ״יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם״ - זָאגְן גוֹיִם; אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ בֶּאֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גְרֵייט זִיךְ אָן מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה, נָאר דָאס נֶעמְט מֶען מִיט. קוּק מִיט דַיינֶע אוֹיגְן, וָואס הָאט דַיין חַבֵר יֶעצְט? וָואס הָאט עֶר מִיט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ? נָאר מִצְוֹת אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים; זַיין תְּפִילִין, זַיין צִיצִית, זַיין שְׁמִירַת שַׁבָּת אוּן חֶסֶד.

... בְּלַייבּ פְרֵיילִיךְ אוּן לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים; לֶערְן חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט עֶפֶּעס טוּן גוּטְס פַאר דַיין חַבֵר׳ס נְשָׁמָה - זַיי מַזְכִּיר זַיין נָאמֶען בַּיים לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ פַאר אַ נְשָׁמָה, ״מִשְׁנָה״ אִיז דִי אוֹתִיּוֹת ״נְשָׁמָה״.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֵייל מִיךְ אוֹיס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ג אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג וֶוערְטֶער דִיר צוּ דַאנְקֶען. דוּ טוּסְט נָאר גוּטְס מִיט מִיר, אִיךְ גְלֵייבּ אוּן וֵוייס אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט מִיר אִיז נָאר פַאר מַיין גוּטְס, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי שְׁלֶעכְטְס וֵוייס אִיךְ נָאכְאַלְץ אִיז אַלֶעס אִיז פַאר מַיין טוֹבָה, פַאר מַיין אֵייבִּיגְקֵייט.

אָבֶּער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ הָאסְט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי מִצְוָה פוּן דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן פוּן דִיר; וֶוען מִיר הָאבְּן אַ פְּרָאבְּלֶעם ווילְסְטוּ מִיר זָאלְן דִיךְ בֶּעטְן, דִיךְ מוּטְשֶׁען - אַז דוּ זָאלְסְט אוּנְז אַוֶועק נֶעמֶען דִי פְּרָאבְּלֶעם; דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער טַאטֶע, הֶעלְף מִיר, הֵייל מִיךְ אוֹיס, אִיךְ וִויל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִיךְ וִויל נִישְׁט דַארְפְן זַיין אַ גַאנְץ לֶעבְּן אוֹיף מֶעדֶעצִין, אִיךְ וִויל זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מֵיידְל, אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע, אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ; הֵייל מִיךְ אוֹיס.

זִיסֶער טַאטֶע, גוּטֶער טַאטֶע, דוּ ווִילְסְט נָאר גוּטְס פַאר מִיר, הֶעלְף מִיר, הֵייל מִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיס בִּזְכוּת אַלֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, רַבִּי נָתָן בֶּן רַבִּי נַפְתָּלִי הִירְץ, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מַלְכָּה - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי".

...

## רֶעד נִישְׁט מִיט לֵצִים, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ...

קוּם אִין יְשִׁיבָה, בְּלַייבּ דָאס בִּיסְל בִּיז דוּ טְרֶעפְסְט דַיין שִׁידוּךְ. אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז דִיר נִישְׁט בַּא'טַעמְ'ט צוּ זִיצְן מִיט יוּנְגֶערֶע בָּחוּרִים, דוּ הָאסְט כִּמְעַט נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן, אַלֶע זֶענֶען שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט; דָאךְ זָאלְסְטוּ קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים, לָאז נִישְׁט אָפּ דִי פְּלַאץ.

זַיי שְׁטַארְק מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, רִיר נִישְׁט אָן דִי פֵּיאוֹת, אֲפִילוּ דִי

קְלֵיינֶע הָאר נֶעבְּן דִי אוֹיעֶר. הֶער נִישְׁט אוֹיס דִי וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, זַיי שְׁטָאלְץ מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים. זֶעסְט דָאךְ וָואס פַּאסִירְט בַּיים סוֹף, נֶעכְטְן אִיז אַ בָּחוּר אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט רַחֲמָנָא לִצְלָן, פָּארִיגֶע וָואךְ אִיז אַ חָתָן פְּלוּצְלוּנְג נִפְטָר גֶעוָוארְן; עֶס אִיז דָא אַ וָוארְט פוּן רֶבִּי'ן: "וָואס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זָארְגְן אַז עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת".

רֶעד נִישְׁט מִיט לֵצִים, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין לֶעבְּן.

...

## נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע טָאג אַרְבֶּעט, גֵייט מֶען אִין שׁוּל לֶערְנֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתְךָ תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט נֶעכְטְן נַאכְט בַּיים סִיוּם מַסֶכֶת מוֹעֵד קָטָן בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע סִיוּם, אַ שֵׁיינֶע חַבוּרָה אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא מִיט אַ מַגִיד שִׁיעוּר - מַיין זוּן הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר. וָואס אִיז שֶׁענֶער פוּן דֶעם, צוּ זֶען אִינְגֶעלַייט, אָפְּגֶעמַאטֶערְט נָאךְ אַגַאנְצְן טָאג אַרְבֶּעטְן - זָאלְן קוּמֶען אִין שׁוּל לֶערְנֶען, דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (חֲגִיגָה ה:): "שְׁלֹשָׁה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בּוֹכֶה עֲלֵיהֶם בְּכָל יוֹם", אוֹיף דְרֵיי מֶענְטְשְׁן וֵויינְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל יֶעדְן טָאג, דֶער עֶרְשְׁטֶער פוּן זֵיי: "עַל מִי שֶׁאֶפְשָׁר לַעֲסוֹק בַּתּוֹרָה וְאֵינוֹ עוֹסֵק", דֶער וָואס קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן לֶערְנְט נִישְׁט; אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען וֵויינֶען, נֶעבֶּעךְ, וָואס הָאט מֶען פוּנֶעם לֶעבְּן אָן תּוֹרָה? נָאר תּוֹרָה בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר תּוֹרָה וֶועט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן פוּן דִי גַאנְצֶע פְּלַאגֶענִישׁ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ גֵייסְט צוּם שִׁיעוּר גְמָרָא יֶעדְן טָאג, מוֹהֲרַ"ן פְרֵייט זִיךְ, אַלֶע צַדִיקִים פְרֵייעֶן זִיךְ.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין דֶערְצֵיילְט, מוֹהֲרַ"שׁ הָאט

מִיר כַּמָּה פְּעָמִים גֶעזָאגְט אוֹיף עֶנְק אַז אִיךְ רַאטֶעוֶוע עֶנְק. אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין סְפֶּעצִיעֶלֶע שַׁיְיכוּת מִיט עֶנְק, עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער נָאכְן פְּטִירָה פוּן מוֹהֲרָא"ש הָאבְּן מִיר זִיךְ מֶער אוּן מֶער בַּאקֶענְט, אוּן הַיינְט פַאְרשְׁטֵיי אִיךְ דִי וֶוערְטֶער, דִי רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; מוֹהֲרָא"ש הָאט פָאְרָאוֹיס גֶעזָאגְט וְכוּ'.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, דָאס וֶועסְטוּ מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

...

## אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט וִוי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ אִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַייעֶר מַאמֶע הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיר הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן אַייעֶר אַקְסְל הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייךְ אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ שְׁנֶעלֶע גַאנְצֶע רְפוּאָה.

הָאט נִישְׁט קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט: "גַּם זוּ לְטוֹבָה", דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט פַאר אַייךְ. אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט וִוי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ אִים, וְוִיפִיל נִיסִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ תְּהִלִּים מו, א) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קלו, ד): "לְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדֹלוֹת לְבַדּוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִיסִים, "מַהוּ לְבַדּוֹ, הוּא לְבַדּוֹ יוֹדֵעַ מַה שֶׁעוֹשֶׂה לָךְ", נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט פוּן דֶעם, "כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ".

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס זִינְגְט טָאג אוּן נַאכְט: "שְׁכּ‏ֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"; וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין: "כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ", צוּ זֶען שְׁטֶענְדִיג נָאר חֲסָדִים.

...

## מִיר הָאבְּן אַ בְּרִיק אַרִיבֶּער צוּ גֵיין אַלֶע שְׁוֶועֶרֶע וַואסֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ג אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וִויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַזֶעלְכֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים אוֹיף דִי וֶועלְט, וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן מִיט מֶענְטְשְׁן, מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; נָאר וֶוער עֶס לֶעבְּט מִיטְ׳ן צַדִּיק - דֶער הָאט אַ וֶועג אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מוֹעֵד קָטָן כה:) וֶוען דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים רַבָּה אוּן רַב יוֹסֵף, אַזוֹי אוֹיךְ אַבַּיֵי אוּן רָבָא זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, "נָשׁוּק כֵּיפֵי דִפְרָת וּדְדִגְלַת אַהֲדָדֵי", הָאבְּן זִיךְ צֶעבְּרָאכְן דִי בְּרִיקְן; פְּשַׁט אִיז, דֶער צַדִּיק וַוייזְט אוּנְז אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן קֶענֶען אַרִיבֶּערְגֵיין טִיפֶע וַואסֶערְן, "כִּי תַעֲבֹר בַּמַּיִם אִתְּךָ אָנִי" (יְשַׁעְיָה מג, ב), עֶר לֶערְנְט אוּנְז אֱמוּנָה.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ לֶעבְּן מַאן מִיט וַוייבּ, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען שְׁטֵייט פַאר אַ וַואסֶער, מֶען דַארְף אַ בְּרִיק צוּ קֶענֶען אַרִיבֶּערְגֵיין, מֶען דַארְף אַן עֵצָה צוּ קֶענֶען לֶעבְּן, דִי צַדִּיקִים זַיי מַאכְן אוּנְז אַ וֶועג צוּ קֶענֶען גֵיין; דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מוֹעֵד קָטָן, שָׁם) "כִּי נָח נַפְשֵׁיהּ", וֶוען דִי צַדִּיקִים זֶענֶען נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן זֶענֶען דִי בְּרִיקְן צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא מֶער דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי שְׁוֶועֶרֶע וַואסֶערְן.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ, בַּיי אוּנְז לֶעבְּט דֶער רֶבִּי. מֶען שְׁפֶּעט פוּן בְּרֶסְלֶב "טוֹיטֶע חֲסִידִים"; מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין טוֹיטֶע חֲסִידִים, מִיר הָאבְּן אַ בְּרִיק אַרִיבֶּער צוּ גֵיין אַלֶע שְׁוֶועֶרֶע יַמִּים וּנְהָרוֹת, אַלֶע זִיבְּן וַואסֶערְן, דֶער רֶבִּי אִיז מִיט אוּנְז, מוֹהֲרָא״ש אִיז מִיט אוּנְז.

...

## זַיי מְקָרֵב דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין חַבֶרְ'טֶעס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

אַז אַייעֶר בְּרוּדֶער אָדֶער שְׁוֶועגֶערִין רֶעדְן צוּ אַייךְ פוּן בָּחוּרִים, זַיי מַאכְן אַייךְ מְשׁוּגָע "דֶער בָּחוּר אִיז דַיין חָתָן", "יֶענֶער בָּחוּר אִיז דַיין חָתָן", - זָאלְט אִיר זַיי זָאגְן: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וִויל אוּן בֶּעט אַז דִי תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן פוּן בָּחוּרִים".

אִיךְ וֶועל זַיי שְׁרַייבְּן זַיי זָאלְן דָאס מֶער נִישְׁט טוּן.

אִיר זָאלְט זִיךְ וַוייטֶער פִירְן מִיט גוּטֶע מִידוֹת, אוֹיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס רֶעדְן זֵייעֶר שֵׁיין פוּן אַייךְ, אִיר מַאכְט אַ גוּטֶע לוּפְט אִין קְלַאס, אִיר פָאלְגְט, אִיר זֶענְט אֵיידְל, אוּן אִיךְ בֶּעט אַייךְ, פָאלְגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, רֶעדְט נִישְׁט פוּן בָּחוּרִים; אִיךְ וֶועל מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אָנְטְרָאגְן פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַ בָּחוּר מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אִין סְקוּל אוֹיף דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין חַבֶרְ'טֶעס, אִיר זָאלְט זַיין זֵייעֶר חַבֶרְ'טֶע. טְרַאכְטְס אַלְץ, וָואס וָואלְט אִיר גֶעטוּן וֶוען אִיר זִיצְט אֵיינֶער אַלֵיין אוּן קֵיינֶער שְׁמוּעֶסְט נִישְׁט מִיט אַייךְ? אִיר וָואלְט זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען וֶוען אֵיינֶער קוּמְט רֶעדְן צוּ אַייךְ.

...

## אוּנְזֶער פְּלַאץ זָאל זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג, נִישְׁט רֶעדְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן, אוֹיבּ עֶס פַאלְט אַייךְ אֵיין אַ שִׁידוּךְ פַאר אַייעֶר שְׁוֶועגֶערִין - זָאלְט אִיר דָאס רֶעדְן נָאר מִיט אַייעֶר מַאן אוּן מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן, רֶעדְט נִישְׁט צוּ אִיר.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן פוּן בָּחוּרִים;

וֶוען עֶס וָואלְט גֶעבְּלִיבְּן נָאר צְוִוישְׁן דִי מֵיידְלֶעךְ - אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער נָאכְדֶעם קוּמֶען דִי שְׁמוּעֶסְן אָן צוּ דִי בָּחוּרִים, דָאס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר בִּיטֶער.

דִי תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא הָאבְּן אַ גוּטֶע שַׂדְכָן, דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ' מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה פְּרוּבִּירְן פַאר זֵיי דָאס בֶּעסְטֶע.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט אַז אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ דָאס, בַּיי מִיר זֶענְט אִיר וַוייטֶער זֵייעֶר חָשׁוּב, טַאקֶע וֶועגְן דֶעם שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ דִי בַּקָּשָׁה. אִיךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט דִי בָּחוּרִים, אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ, אִיךְ ווִיל אוּנְזֶער פְּלַאץ זָאל זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט דָאס רֶעדְן וְכוּ'.

...

## גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער, דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין נֶעמֶען חִיזוּק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ד אֲדָר א', פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע לִיבֶּע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס וואוֹינֶען אִין דִי הֵיילִיגֶע שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

הַיינְט נַאכְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט זַיין אַ פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם; אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען נֶעמֶען חִיזוּק.

פַאְרוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט הַאלְטְן פַאר אֵיין שָׁעָה דַיינֶע קִינְדֶער? פַארְוָואס שִׁיקְסְטוּ דַיין וַוייבּ צוּ דִי צַאמְקוּם מִיט אִירֶע קִינְדֶער? זִי קֶען נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּר; דָאס קִינְד וֵוייְנְט, דָאס קִינְד שְׁטֶערְט; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר.

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן דָאס בִּיסְל פַאר דַיין וַוייבּ, זִי זָאל קֶענֶען קוּמֶען הֶערְן אַבִּיסְל חִיזוּק רוּאִיגֶערְהֵייט?

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי גוּט דַיין לֶעבְּן וֶועט דִיר וֶוערְן אַז דַיין וַוייבּ וֶועט הָאבְּן אֵיינְמָאל אַ וָואךְ דִי שָׁעָה אַלֵיינְס, אָן דִי קִינְדֶער.

בְּלַייבְּט׳זְשֶׁע מִיר גֶעזוּנְט.

...

## פַארְוָואס זָאלְט אִיר זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן אַז אַנְדֶערֶע הָאבְּן אוֹיךְ אַ גוּט לֶעבְּן?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ד אֲדָר א׳, פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶער מַאן, וֵויינִיג זֶענֶען זוֹכֶה צוּ אַזַא מַאן, אַזַא בַּעַל מִדּוֹת, אַ גוּטְסְקֵייט; וָואס גֵייט אַייךְ אָן אַ צְוֵוייטְן? פַארְוָואס זָאלְט אִיר זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט אַז אַנְדֶערֶע הָאבְּן אוֹיךְ אַ גוּט לֶעבְּן?

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח:): ״אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶּׁמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ״, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען עֶפֶּעס אַ בְּרֶעקְל פוּן אַ צְוֵוייטְן, ״וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא״, אֲפִילוּ אַ הָאר קֶען מֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ צְוֵוייטְן; פַארְוָואס זָאלְט אִיר זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַלֵיינְס פַּייניְגְן? פַארְוָואס וֵויינֶען?! עֶס אִיז אַ סַכָּנָה וֶוען מֶען וֵויינְט אוּמְזִיסְט, עֶס קֶען קוּמֶען נָאכְדֶעם זַאכְן אוֹיף וָואס מֶען קֶען טַאקֶע וֵויינֶען.

אִיךְ זָאג אַייךְ דֶעם אֱמֶת, וֶוען אִיךְ זֶע אַ מֶענְטְשׁ וֵויינֶען - הוֹיבּ אִיךְ אָן מִיט צוּ וֵויינֶען, דָאס אִיז מַיין נַאטוּר, אָבֶּער וֶוען אִיר זֶענְט גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוּן גֶעוֵויינְט אַז אַייעֶר חַבֶר׳טֶע גֵייט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוּן אִיר זֶענְט אִיר מְקַנֵּא - הָאבּ אִיךְ זִיךְ מַמָּשׁ אַיינְגֶעהַאלְטְן פוּן לַאכְן, וְוִי נַארִישׁ מֶען קֶען זַיין; צוּ וֵויינֶען וֶוען אַ צְוֵוייטֶער גֵייט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מוֹהֲרַ״אשׁ זָאגְט, אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בָּבָא מְצִיעָא נט.): ״שַׁעֲרֵי דְמָעוֹת לֹא נִנְעֲלוּ״, דִי טוֹיעֶרְן פוּן טְרֶערְן זֶענֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְמַאכְט; נוּ, אוֹיבּ אַזוֹי, פַארְוָואס דַארְף זַיין טוֹיעֶרְן מִיט טִירְן? נָאר וֶוען נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן וֵויינֶען - דֶעמָאלְט פַארְמַאכְט מֶען עֶס.

טוּט תְּשׁוּבָה, הוֹיבְּט אָן זַיין פְרֵיילִיךְ, הוֹיבְּט אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט, אַייעֶר מַאן אִיז גֶעזוּנְט. בֶּעטְס פַאר גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אוּן מַאכְט אַייךְ נִישְׁט נַארִישׁ.

...

## מִיטְ'ן הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס שׁוּל גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דִיר אַלֶע דִינִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ד אֲדָר א', פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ' גֶעוֶועזְן פָארִיגֶע וָואךְ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל; אִיךְ בִּין אַרַיין אִין שׁוּל אוּן אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי רֵיינְקֵייט, דִי זוֹיבֶּערְקֵייט, אַזוֹי שֵׁיין אַלֶעס מְסוּדָר.

אִיךְ וֵויס אַז דוּ שְׁטֵייסְט אוּנְטֶער דֶעם, דוּ לֵייגְסְט אַרַיין כֹּחוֹת אַז דִי שׁוּל זָאל זַיין מְסוּדָר, רֵיין אוּן זוֹיבֶּער. דָאס אִיז דָאךְ אַ סִימָן פוּן קְדוּשָׁה, רֵיינְקֵייט אִיז אַ סִימָן פוּן קְדוּשָׁה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִשְׁנָה, סוֹף מַסֶּכֶת סוֹטָה): "נְקִיּוּת מְבִיאָה לִידֵי טָהֳרָה"; רֵיינְקֵייט בְּרֶענְגְט טָהֳרָה.

מִיטְ'ן הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס שׁוּל גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דִיר אַלֶע דִינִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן קז): "עַל יְדֵי שִׁמּוּשׁ צַדִּיקִים נִמְתָּק הַדִּין", דוּרְךְ בַּאדִינֶען אַ צַדִּיק - וֶוערְט זִיס אַלֶע שְׁלֶעכְטְס; אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם אוֹת יִרְאָה, סִימָן ט): "עַל יְדֵי שִׁמּוּשׁ צַדִּיקִים", דוּרְךְ בַּאדִינֶען אַ צַדִּיק, "יָבוֹא לְיִרְאַת שָׁמַיִם", בַּאקוּמְט מֶען אַ מוֹרָא פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער.

אִיךְ הָאף מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צוּ זַיין קוּמֶענְדִיגֶע שַׁבָּת שְׁקָלִים אִין שְׁטֶעטְל, אוֹיךְ יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת. מֶען דַארְף זֶען צוּצוּשְׁטֶעלְן פַאר דִי גֶעסְט, דִי בָּחוּרִים אוּן מִשְׁפָּחוֹת וָואס וִוילְן קוּמֶען.

פֶּסַח קוּמֶען נִישְׁט קֵיין גֶעסְט, פֶּסַח מִישְׁט מֶען זִיךְ נִישְׁט, פֶּסַח פָארְט

מֶען נִישְׁט צוּ אַ רֶבִּי; אָבֶער דִי אַנְדֶערֶע שַׁבָּתִים אוּן יָמִים טוֹבִים - דַארְף מֶען זֶען עֶס זָאל זַיין וואו צוּ זַיין.

...

### יֶעדֶעס מָאל מֶען וִויל גֵיין צוּם צַדִיק וֶוערְט גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ד אֲדָר א', פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, יֶעדֶעס מָאל מֶען ווִיל גֵיין צוּם צַדִיק וֶוערְט גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת, מֶען וֶוערְט פְלוּצְלוּנְג פוֹיל, פְּלוּצְלוּנְג הָאט מֶען נִישְׁט קַיין כֹּחַ, מֶען טְרַאכְט 'נִישְׁט הַיינְט, נָאר מָארְגְן'; דָאס אִיז אַלֶעס מְנִיעוֹת, מֶען ווִיל צוּרִיק הַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין.

דֶער רֶבִּי רֶעדְט שׁוֹין פוּן דֶעם, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן עב): "אַזוֹי פַּאסִירְט יֶעדֶעס מָאל מֶען ווִיל נָאר גֵיין צוּם צַדִיק, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען צֶעבְּרֶעכְט שׁוֹין דִי מְנִיעָה, מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק - הוֹיבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן 'פַּארְוָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶּעלְט צוּ קוּמֶען וְכוּ' וְכוּ'".

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם צִיּוּן, דָארְט אִיז דִי פְּלַאץ וואו דוּ וֶועסְט פּוֹעֶל'ן דַיין יְשׁוּעָה. פָאר אַהִין זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ", בַּיי אַ צִיּוּן פוּן אַ צַדִיק וֶוערְן נִתְקַבֵּל דִי תְּפִילוֹת.

בֶּעט אוֹיךְ פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל, אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ טוּן דִי גוּטֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ קַאפְּל בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ד אֲדָר א׳, פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, טָאהש**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין פְּרַאגֶע.

דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת יִרְאָה, סִימָן יג): ״הַכִּסּוּי שֶׁל הָרֹאשׁ מֵבִיא לִידֵי יִרְאָה״, אַ קַאפְּל בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם; דִי מְקוֹר אוֹיף דֶעם אִיז פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת קנו:) דִי מַאמֶע פוּן רֶבִּי נַחְמָן בַּר יִצְחָק, וֶוען דִי שְׁטֶערְן זֶעעֶר הָאבְּן אִיר גֶעזָאגְט דַיין זוּן גֵייט זַיין אַ גַנָב: ״לָא שְׁבַקְתֵּיהּ גַלוּיֵי רֵישֵׁיהּ״, הָאט זִי אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט מִיט אַן אוֹיפְגֶעדֶעקְטְן קָאפּ, זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״כַּסֵּי רֵשָׁיךְ״, דֶעק צוּ דַיין קָאפּ, וֶועסְטוּ הָאבְּן ״אֵימָתָא דִשְׁמַיָּא״ - יִרְאַת שָׁמַיִם. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ב): ״צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַתִּינוֹק״, מֶען דַארְף אָפְּהִיטְן דֶעם קִינְד, ״שֶׁלֹּא יֵלֵךְ בְּגִלּוּי הָרֹאשׁ״, עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט אַן אוֹיפְגֶעדֶעקְטְן קָאפּ.

דֶערְפַאר זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען מַקְפִּיד אָנְצוּטוּן אַ קַאפְּל פַארְ׳ן קִינְד פוּנֶעם גֶעבּוּרְט, אָבֶּער רוֹב וֶועלְט טוּט אָן בַּיי דִי דְרֵיי יָאר, פוּן וֶוען מֶען שֶׁערְט אָפּ דֶעם קִינְד אוּן מֶען מַאכְט אִים פֵּיאוֹת; דֶעמָאלְט, וֶוען מֶען נֶעמְט אִים אִין חֵדֶר זָאגְן דִי א-ב טוּט מֶען אִים אָן דִי קַאפְּל מִיט דִי צִיצִית.

עֶס אִיז בַּאוְוּיסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן הָאט אִים זַיין מַאמֶע, דִי צַדֶּיקֶת פֵיגָא - גְלַייךְ אָנְגֶעטוּן אַ קַאפְּל.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער. גוּטֶע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶפֶּעלֶעךְ וָואס מֶען נֶעמְט אַרָאפּ פוּן בּוֹים, גוּטֶע קִינְדֶער בַּאקוּמְט מֶען דוּרְךְ אַסַאךְ תְּפִילּוֹת.

...

## עֶפֶענֶען אַ "וְעַד הָאֵשֶׁ"ל" אִין שְׁטֶעטְל

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ד אֲדָר א', פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

עֶס אִיז וִויכְטִיג עֶס זָאל זַיין אִין שְׁטֶעטְל אַ "וְעַד הָאֵשֶׁ"ל". אִיךְ טְרַאכְט אַז דוּ וָואלְסְט גֶעוֶוען גוּט פַאר דֶעם, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה. דִי אַלֶע שַׁבָּתִים וָואס בָּחוּרִים אוּן מִשְׁפָּחוֹת ווִילְן קוּמֶען מִיט הַאלְטְן אִין שְׁטֶעטְל מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, זָאלְן זֵיי הָאבְּן וואוּ צוּ זַיין.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת מְבָרְכִים אֲדָר שֵׁנִי, שַׁבָּת שְׁקָלִים. עֶס וֶועלְן קוּמֶען בָּחוּרִים אוּן מִשְׁפָּחוֹת, דַארְף מֶען צוּשְׁטֶעלְן פַאר זֵיי אֵשֶׁ"ל [אֲכִילָה, שְׁתִיָּ', לְוָיָ', (לִינָה)].

הַכְנָסַת אוֹרְחִים הִיט אָפּ דִי שְׁטָאט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַכְנָסַת אוֹרְחִים, סִימָן ב): "עִיר שֶׁאֵין בָּהּ הַכְנָסַת אוֹרְחִים בָּאִים לִידֵי גִּלּוּי עֲרָיוֹת", אַ שְׁטָאט וָואס הָאט נִישְׁט דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים - קוּמְט צוּ דִי עֲבֵירָה פוּן גִּלּוּי עֲרָיוֹת, אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן פִּלֶגֶשׁ בְּגִבְעָה (שׁוֹפְטִים יט, טו), "וְעַל יְדֵי גִּלּוּי עֲרָיוֹת בָּא עֲלֵיהֶם הֲרִיגָה", נָאכְדֶעם קוּמְט עֶס צוּ הֲרִיגָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אוֹיךְ הֶעלְפְט דָאס אִין שְׁטוּב. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם חֵלֶק ב', סִימָן ב): "סְגֻלָּה לְהַחֲזִיר לְאִשָּׁה וְסִתָּהּ, עַל יְדֵי הַכְנָסַת אוֹרְחִים", הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִיז מְסוּגָּל אַלֶעס זָאל צוּרִיק גֵיין אִין אַ סֵדֶר וְכוּ'.

זַיי מוֹדִיעַ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַיין נוּמֶער אוּן נֶעם דִיר דִי מִצְוָה, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה פוּן רֶבִּי'ן (שָׁם חֵלֶק א', סִימָן ג): "הַכְנָסַת אוֹרְחִים מְזַכָּה אֶת הָאִשָּׁה לְבָנִים".

...

## אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶער נֵס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ו אֲדָר א׳, שׁוּשַׁן פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט; דַיין וַוייבּ וֶועט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. עֶס פַּאסִירְט אַמָאל אַזֶעלְכֶע זַאכְן, אַ פְרוּי פַאלְט פוּן דִי כֹּחוֹת; נֶעם אִיר צוּם דָאקְטֶער, עֶס אִיז דָא גוּטֶע מֶעדֶעצִין, זִי וֶועט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; מֶען קֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע זִיסֶע לֶעבְּן אֲפִילוּ וֶוען דִי וַוייבּ דַארְף נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר דִי נֶערְוֶוען.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן; דָאס אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אִיז לְמַעַן הַבְּחִירָה וְהַנִּסָּיוֹן, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע נֵס.

דוּ זָאלְסְט אִיר נָאר אוֹיפְבּוֹיעֶן, אוֹיפְהֵייבְּן; רֶעדְן גוּטֶע אוּן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲתוּנָה פְּלַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ו אֲדָר א׳, שׁוּשַׁן פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְטְרִיאַל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווָאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק טָאג אוּן נַאכְט אִין דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ - דוּ בִּיסְט מֵפִיץ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, דִי הֵיילִיגֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת - פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶע זַאךְ וֶוער עֶס טוּט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט טוֹיזְנְטֶער מָאל דֶעם לָשׁוֹן הַזוֹהַר (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתְּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתָּלַק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט, עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע אוֹיב דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַנְדֶערְשׁ. אוֹיב דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי קָאפּ אוּן מֹחַ - דֶעמָאלְט אִיז בֶּעסֶער דָאס נִישְׁט צוּ הָאבְּן, אוֹיב עֶס מַאכְט נָאר גְרִינְגֶער - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם.

בְּנוֹגֵעַ דִי חֲתוּנָה פְּלַאן וְכוּ'; גֵיי אַוֶועק פוּן דִי דִמְיוֹנוֹת, אַ שָׁאד צוּ וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין אַ פְּלָאנְטֶער. נֶעם דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲתוּנָה פְּלַאן, מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט אַוֶועקְלֵייגְן קַיין גֶעלְט, אוּן וֶוען מֶען מַאכְט חֲתוּנָה - קָאסְט עֶס גָארְנִישְׁט, אַלֶעס אִיז בְּחִנָּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אֲפִילוּ דִי בָּחוּרִים וָואס אַרְבֶּעטְן, זָאל אַרַיינְקוּמֶען נֶעמֶען אַבִּיסְל חִיזּוּק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ו אֲדָר א׳, שׁוּשַׁן פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט דִיר צוּ זֶען אִין יְשִׁיבָה; שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט אַרַיינְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה צוּ אַ שִׁיעוּר אָדֶער סְתַּם זִיךְ זֶען.

מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר גֶעזָאגְט כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים: ״נִישְׁט אַלֶע בָּחוּרִים דַארְפְן זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין יְשִׁיבָה, עֶס זֶענֶען דָא בָּחוּרִים וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר זֵיי צוּ אַרְבֶּעטְן וְכוּ׳, זֶע אָבֶּער זֵיי זָאלְן אַרוֹיפְקוּמֶען צוּ אַ שִׁיעוּר, זֶע זֵיי זָאלְן הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט דִיר״.

דוּ מַאכְסְט מִיךְ פְרֵיילִיךְ וֶוען דוּ קוּמְסְט אִין יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז יֶעדֶעס מָאל דוּ קוּמְסְט אִין יְשִׁיבָה - גֵייסְטוּ אַרוֹיס מִיט רְוָוחִים. מֶען וֶוערְט נִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּנֶעם חוּמָשׁ׳ל, פוּנֶעם מִשְׁנָיוֹת׳ל, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער. אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״וֶוען מֶען וֶועט זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן מִיר וֶוען מֶען וֶוערְן כְּקָטָן שֶׁנּוֹלָד״, מֶען וֶועט אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

קוּם אַרוֹיף נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

...

## קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיךְ נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן פוּן גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ו אֲדָר א׳, שׁוּשַׁן פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

זַיי שְׁטַארְק מִיטְ׳ן גֵיין דַאוֶונֶען אִין שׁוּל דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת. חֲכָמֵינוּ

זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:): "אֵימָתַי עֵת רָצוֹן?" וֶוען אִיז אַן עֵת רָצוֹן, "בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין", וֶוען מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן - אִיז אַן עֵת רָצוֹן, דִי תְּפִילּוֹת וֶוערְן דֶעמָאלְט אָנְגֶענוּמֶען.

נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּעֲנִית ח.): "כָּאן בְּיָחִיד, כָּאן בְּצִבּוּר", וֶוען מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן גֵייעֶן אַלֶע תְּפִילּוֹת אַרוֹיף, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט אִינְזִין אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מַה שֶּׁאֵין כֵּן בְּיְחִידוּת וֶוערְט נָאר אָנְגֶענוּמֶען דִי תְּפִילּוֹת מִיט כַּוָּונָה.

נֶעם דָאס פַאר דַיין קַבָּלָה, זַיי זִיךְ מְקַבֵּל אַז דוּ גֵייסְט אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוֶוענֶען, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, לֵייג אַלֶעס אִין דֶער זַייט, קוּק נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיךְ נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן פוּן גֵיין דַאוֶוענֶען.

אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ טוּן פַאר דִיר, אוֹיךְ מַיין וַוייבּ פְּרוּבִירְט טָאג אוּן נַאכְט צוּ טוּן פַאר אַ שִׁידוּךְ פַאר דִיר. מִיר וֶוערְן נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, מִיר וֶוערְן נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען מִיר זֶעעֶן וִוי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ יָאר נָאךְ אַ יָאר אוּן בִּיז דֶערְוַוייל הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ. מִיר גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה יֶעדְן טָאג אַז אָט אָט וֶוערְסְטוּ אַ חָתָן אוּן דוּ וֶועסְט אַזוֹי שֵׁיין אוֹיפְגֶעבְּרַאכְטְן וֶוערְן, דוּ וֶועסְט פַארְגֶעסְן בִּכְלַל אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַמָאל אֵיינֶער אַלֵיין.

...

## בַּאשֶׁעפֶּער רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק, פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע אוּן עֲבֵירוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ו אֲדָר א', שׁוּשַׁן פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז דְרַייסִיג טֶעג פַאר דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים. אוּנְזֶער רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג - פוּן דְרַייסִיג טֶעג פַאר דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים: "הַצִּילֵנוּ", בַּאשֶׁעפֶּער רַאטֶעוֶוע מִיךְ, "מִקְּלִפַּת הָמָן וַעֲמָלֵק", פוּן דִי טוּמְאָה פוּן הָמָן הָרָשָׁע אוּן פוּן

עֲמָלֵק, - וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען בַּיי מְגִילָה לֵיינֶען מָרְדְכַי הַצַּדִיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאַרְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, הִיט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת, בַּאשִׁיץ מִיךְ פוּן דִי קְלִיפָּה אוּן דִי טֻמְאַת הָמָן וַעֲמָלֵק"; מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

אִיךְ בֶּעט דָאס אַ גַאנְץ יָאר; עֶס אִיז אַזוֹי גוּט, אַזוֹי גֶעשְׁמַאק - מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה. מֶען שְׁפִּירְט דִי טַעַם גַן עֵדֶן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּינוּ!

...

## דִי בָּארְד הִיט מִיךְ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ו אֲדָר אַ', שׁוּשַׁן פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִיר, דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים, דוּ הָאסְט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת. דוּ הָאסְט אַסַאךְ חֲבֵרִים וָואס קְרַאצְן דִי בָּארְד, פִּיצְן דִי בָּארְד, אָבֶּער דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים.

דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן דְרַאפֶּע זִיךְ, זַיי שְׁטַארְק, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף דַיין הֵיילִיגְקֵייט. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת יא.) מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ בָּארְד, "זְקָנְךָ מְגוּדָל", וָואס דַארְפְסְטוּ אַזַא שֵׁיינֶע בָּארְד? עֶנְטְפֶערְט עֶר: "כְּנֶגֶד הַמַּשְׁחִיתִים", דָאס הִיט מִיךְ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, פוּן מַזִיקִים אוּן קְלִיפּוֹת.

קוּם אַרוֹיף אִין יְשִׁיבָה, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דְרֵייעֶן אִין יְשִׁיבָה וֶועט דֶער רֶבִּי זַיין דַיין שַׁדְכָן. אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, וד"ל.

...

## מֶען זֶעט דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ז אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד דִי קִינְדֶער פוּן דִי עֶלְטְסְטֶע כִּתָּה אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ גְרוּס פוּן אַ אִיד אוֹיף עֶנְק.

עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז עֶנְק זֶענֶען גֶעוֶוען אִין קִרְיַת יוֹאֵל אוֹיף הַפָּצָה, צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינ׳ס לִיכְטִיגְקֵייט, אוּן עֶנְק זֶענֶען גֶעקוּמֶען עֶסְן בַּיי דִי קָאךְ פוּן מַרְבֶּה לָשֹׂבַע לְזֵכֶר נִשְׁמַת הַצַּדִּיק רֶבִּי יְשַׁעְיָ׳ מִקֶּערֶעסְטִיר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶס אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעגְרֵייט פֵיינֶע פְלֵייש, עֶנְק קוּמֶען אַרַיין הוּנְגֶעְרִיג אוּן קֵיינֶער נֶעמְט נִישְׁט קַיין פְלֵייש, עֶנְק גֵייעֶן צוּ פְרֶעגְן דֶעם אִיד וֶועמֶענְס הֶכְשֵׁר אִיז דִי פְלֵייש; דֶער אִיד זָאגְט מִיר עֶר הָאט נָאךְ אַזוֹינְס נִישְׁט גֶעזֶען, גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען קִינְדֶער קוּמֶען אַרַיין אִין אַ הֵיימִישֶׁע פְּלַאץ פְרֶעגְט מֶען נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת, מֶען עֶסְט! עֶר קוּקְט אוֹיף עֶנְק, עֶר זֶעט אַז קֵיינֶער הָאט נִישְׁט צוּגֶערִירְט צוּ דִי פְלֵייש פַאר׳ן וִויסְן וֶוער עֶס גֶעבְּט דִי הֶכְשֵׁר; עֶר זָאגְט: "מֶען זֶעט דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער".

עֶנְק מַאכְן מִיר נָאר נַחַת.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן נַחַת דִקְדֻשָּׁה בַּיי אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ז אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער חַבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ ווִיל דִיר ווִינְטְשְׁן יֶעצְט בְּעֵת שִׂמְחָתְךָ, וֶוען דוּ גֵייסְט אוּנְטֶערְפִירְן דַיין טָאכְטֶער הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ׳ מִיט הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת דִקְדֻשָּׁה בַּיי אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳, דוֹרוֹת יְשָׁרִים וּמְבֹרָכִים, בִּיז מִיר

וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת פְּנֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

...

## ווי קֶען אַ אִיד הֵייבְּן הֶענְט אוֹיף אַ טַאטֶע?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כא, טו): "וּמַכֵּה אָבִיו וְאִמּוֹ מוֹת יוּמָת", אֵיינֶער וָואס שְׁלָאגְט טַאטֶע מַאמֶע - דַארְף מֶען הַרְגִ'נֶען מִיט מִיתַת חֶנֶק; מֶער פוּן דֶעם הָאבּ אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ קֶען נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס זִיצְט אִין כּוֹלֵל זָאל צוּקוּמֶען צוּ אַזַא זַאךְ - שְׁלָאגְן אַ טַאטֶע מַכּוֹת רֶצַח.

פָּארִיגֶע וָואךְ הָאסְטוּ מִיר גֶעשְׁרִיבְּן ווי שְׁוֶוער עֶס גֵייט דִיר וְכוּ' וְכוּ', יֶעצְט שְׁרַייבְּסְטוּ מִיר אַז דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן דַיין טַאטְן מַכּוֹת רֶצַח; שׁוֹמוּ שָׁמַיִם! ווי קֶען אַ אִיד צוּקוּמֶען צוּ דֶעם? ווי קֶען אַ אִיד שְׁלָאגְן אַ טַאטֶע?! אַלֶעס וָואס דוּ וֶועסְט וֶועלְן עֶנְטְפֶערְן - אִיז נִישְׁט אִינְטֶערְסַאנְט; אֲפִילוּ דַיין טַאטֶע שְׁלָאגְט דַיין מַאמֶע מִיט דַיין זֵיידֶע וְכוּ' וְכוּ' - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין הֶיתֵּר צוּ שְׁלָאגְן אַ טַאטֶע.

אִיךְ פְּלֶעג הֶערְן דְרָשׁוֹת בַּיי מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶועגְן שְׁלָאגְן טַאטֶע מַאמֶע; אִיךְ פְּלֶעג זִיךְ וואוּנְדֶערְן: 'וָואס? מוֹהֲרָא"ש דַארְף רֶעדְן פוּן שְׁלָאגְן טַאטֶע מַאמֶע? ווי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ?!' בִּכְלַל שְׁלָאגְן אַ אִיד - ווי קֶען זַיין? נָאר פַארְ'ן אוֹיפְהֵייבְּן דִי הֶענְט, פַארְ'ן וֶועלְן שְׁלָאגְן - זָאגְט שׁוֹין דִי תּוֹרָה "רָשָׁע!" חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין נח:): "אָמַר רֵישׁ לָקִישׁ, הַמַּגְבִּיהַּ יָדוֹ עַל חֲבֵירוֹ, אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא הִכָּהוּ נִקְרָא רָשָׁע שֶׁנֶּאֱמַר 'וַיֹּאמֶר לָרָשָׁע לָמָּה תַכֶּה רֵעֶךָ'; לָמָּה הִכִּיתָ לֹא נֶאֱמַר, אֶלָּא לָמָּה תַכֶּה, אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא הִכָּהוּ נִקְרָא רָשָׁע", פוּן דָא לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן - נִקְרָא רָשָׁע.

יֶעצְט אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דַיין טַאטֶע אוּן אִים גֶעגֶעבְּן גֶע'הַרְגֶ'טֶע מַכּוֹת - דֶערְמַאנְט דָאס מִיר דִי דְרָשׁוֹת פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וִוי עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה מִיטְ'ן יַד אַבְשָׁלוֹם. אַבְשָׁלוֹם, דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס זוּן הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ יַד אִין יְרוּשָׁלַיִם, עֶס זָאל בְּלַייבְּן אַ זִכָּרוֹן פוּן אִים. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, וֶוען דֶער קֵיסָר נַאפָּאלִיאָן אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעען דֶעם יַד אַבְשָׁלוֹם הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט וָואס דָאס אִיז, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס הָאט אַבְשָׁלוֹם אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אַ הַאנְט וָואס הָאט גֶעשְׁלָאגְן אַ טַאטֶע - טָאר נִישְׁט בְּלַייבְּן", אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל עֶס אַרָאפְּבְּרֶעכְן. מֶען זֶעט הַיינְט נָאר דֶער בִּנְיָן, אָבֶער דִי הַאנְט אִיז אַרָאפְּגֶעהַאקְט. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אוֹיסְפִירְן: "אֲפִילוּ אַ גוֹי פַארְשְׁטֵייט דָאס, אַז אַ הַאנְט וָואס שְׁלָאגְט אַ טַאטֶע - דַארְף מֶען אָפְּהַאקְן".

טוּ תְּשׁוּבָה, אַז נִישְׁט וֶועט דִיר זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער.

...

## חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע קֶען נִישְׁט גֵיין אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַאר דוּ טוּסְט חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, מִיט מִשְׁפָּחָה - זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְקְלֶערְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. אַלֶעס אִיז גוּט אוּן פֵיין וֶוען מֶען טוּט דָאס וִוי אַזוֹי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער קוּמֶען פַאר אַלֶעמֶען.

דוּ קֶענְסְט דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אַרוֹיס וִוי שֵׁיינֶע אִידְן אִין גַאס, פַאר אַנְדֶערֶע זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר הַארְצִיג אוּן גֶעבֶּעדִיג אוּן אִין שְׁטוּבּ זֶענֶען זֵיי פָּשׁוּטְ'עֶ רוֹצְחִים, פַארְגִינֶען נִישְׁט דִי וַוייבּ אַ גְלֶעזְל וַואסֶער.

מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אִין זַאכְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט מִיט דִיר, לָאז אָפּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס דֶער דַיָּין פַּסְקְ'נְט, אַזוֹי אִיז דִי הֲלָכָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְט אִיר, וָואס דֶער דַיָּין פַּסְקְ'נְט - אַזוֹי אִיז דִי הֲלָכָה! אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט. אַמָאל קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אוּן דֶער דַיָּין זָאגְט עֶס אִיז יָא גוּט - טָאר מֶען נִישְׁט צְוֵוייפְלֶען אוּן טְרַאכְטְן אַז דֶער דַיָּין וֵוייסְט נִישְׁט; אַז מֶען פַּסְקְ'נְט כָּשֵׁר אִיז כָּשֵׁר אוּן אַז מֶען זָאגְט עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אִיז נִישְׁט גוּט.

בְּנוֹגֵעַ נַאכְט קְלֵיידֶער וְכוּ'; אַזוֹי אִיז דֶער מִנְהָג, אִין דִי טֶעג גֵייט מֶען וַוייס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֵיינְקֵייט אִיז נִישְׁט אַ מָאדֶערְנֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לִכְבוֹד ...**

דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז זִי אִיז מָלֵא שִׂמְחָה אַז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט אַזַא טֵייעֶרְער מַאן ווִי דִיר, זִי קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט אִיר, זִי אִיז פוּל מִיט שִׂמְחָה.

עֶס אִיז דָא אֵיין קְלֵיינִיקֵייט וָואס שְׁטֶערְט אִיר; אִיךְ וִויל דִיךְ נִישְׁט

בַּאלֵיידִיגְן, אִיךְ וִויל דִיר נָאר הֶעלְפְן עֶס זָאל דִיר גוּט זַיין, זִי שְׁרַייבְּט אַז זִי קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דָאס נִישְׁט זוּיבֶּערְקֵייט וְכוּ׳.

אַ שָׁאד דָאס לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אַייךְ זָאל זִיךְ אָפְּקִילְן צוּלִיב דֶעם. קֶען זַיין דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין אַ סְבִיבָה וָואס מֶען הָאט דִיר אַיינְגֶערֶעדְט אַז דָאס אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; ווִי מֶער מֶען שְׁטִינְקְט אוּן ווִי מֶער מֶען אִיז פַארְשְׁמִירְט - אִיז מֶען אַ גְרֶעסֶערֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם. אִיךְ וֵוייס פוּן אַזֶעלְכֶע פְּלֶעצֶער וָואס מֶען רֶעדְט אַיין יוּנְגֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּיעֶר, מֶען רֶעדְט זֵיי אַיין אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן שְׁמוּצִיג אוּן זַיי שְׁטִינְקֶען.

וִויל אִיךְ דִיךְ פַארֶערְכְטְן; עֶרְלִיכֶע אִידְן גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן זוּיבֶּער אוּן רֵיין, עֶרְלִיכֶע אִידְן גֶעבְּן אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן שְׁמוּצִיג, עֶרְלִיכֶע אִידְן בָּאדְן זִיךְ יֶעדְן טָאג. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת נ:): "רוֹחֵץ אָדָם פָּנָיו יָדָיו וְרַגְלָיו בְּכָל יוֹם בִּשְׁבִיל קוֹנוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אָפְּוַואשְׁן יֶעדְן טָאג זַיין פָּנִים, הֶענְט אוּן פִיס, וַוייל עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי טז, ד): "כֹּל פָּעַל ה׳ לַמַּעֲנֵהוּ", אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן - הָאט עֶר נָאר בַּאשַׁאפְן פַאר זַיין כָּבוֹד; אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיסְשְׁוֶוענְקֶען דִי מוֹיל פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיסְזָאגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס נָאמֶען, עֶס זָאל זַיין בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן ד, סְעִיף יז).

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מִשְׁנָה, סוֹף מַסֶּכֶת סוֹטָה): "נְקִיּוּת", רֵיינְקֵייט - "מְבִיאָה לִידֵי טָהֳרָה", בְּרֶענְגְט צוּ טָהֳרָה; רֵיינְקֵייט אִיז נִישְׁט אַ מָאדֶערְנֶע זַאךְ, זִיךְ אוֹיסְפִּיצְן אוּן פְּרוּבִּירְן נָאכְמַאכְן דֶעם גוֹי - דָאס אִיז אַן עֶקְלְדִיגֶע זַאךְ, אָבֶּער זַיין רֵיין, זִיךְ שׁוּיעֶרְן יֶעדְן טָאג, זִיךְ טוּישְׁן דִי קְלֵיידֶער, זִיךְ קֶעמֶען דִי הָאר, זִיךְ פוּצְן דִי צֵיין, - דָאס מוּז מֶען טוּן. דַיין וַוייבּ שְׁרַייבְּט אַז דָאס מַאכְט עֶס זָאל זִיךְ אָפְּקִילְן דִי לִיבְּשַׁאפְט, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד פַאר עֶנְקֶער עָתִיד.

נָאךְ אֵיין זַאךְ, וֶוען זִי רֶעדְט צוּ דִיר, זִי זָאגְט דִיר אַז עֶס אִיז אִיר שְׁוֶוער וְכוּ׳ - זָאג אִיר נִישְׁט זִי זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין עֶס זָאל אִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן, מַאךְ אִיר נִישְׁט אַוֶועק, זָאג אִיר אַז דוּ גֵייסְט פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין זוּיבֶּער.

אִין יְשִׁיבָה זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דִי רֵיינְקֵייט פוּן דִי בָּחוּרִים, אַזוֹי הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ אָנְגֶעזָאגְט; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיךְ זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז בָּחוּרִים זָאלְן זַיין רֵיין אוּן זוֹיבֶּער. אִין דִי נַיין טֶעג הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעהֵייסְן דִי בָּחוּרִים זָאלְן גֵיין אִין שׁוֹיעֶר, אוֹיךְ מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - הָאט מִיר גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן זִיךְ וַואשְׁן אֲפִילוּ אִין דִי נַיין טֶעג, וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט דַאוֶוענֶען אוּן נִישְׁט לֶערְנֶען וֶוען עֶס גֵייט אַ גֶערוּךְ וֶוען מֶען שְׁוִויצְט.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַארְמָאגְן אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס פוּן רֶבִּי'ן לִיגְן גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַארְ'ן לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז דֶער צַדִּיק אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן, דַארְף מֶען זוּכְן זַיינֶע תַּלְמִידִים

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב**

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע לִיבֶּע חֲבֵרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב**

דִי וָואךְ אִין דִי פָּרָשָׁה זֶעעֶן מִיר זֵייעֶר אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, וִוי אִין דִי וֶועלְט קֶען אַזַא זַאךְ פַּאסִירְן? נָאכְדֶעם וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן זוֹכֶה

גֶעוֶוען צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט אַזֶעלְכֶע וואוּנְדֶער, אַלֶע אִידְן הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ - זָאלְן זֵיי אַרָאפְּפַאלְן אוּן מַאכְן דֶעם עֵגֶל?!

אֲפִילוּ דִי אִידְן הָאבְּן טַאקֶע דָאס נִישְׁט גֶעמַאכְט, נָאר דִי עֵרֶב רַב, אוּן זֵיי הָאבְּן פַארְנַארְט אַ טֵייל אִידְן - אִיז נָאכְאַלְץ שְׁוֶוער, וַוייל דִי עֵרֶב רַב הָאבְּן דָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֵיין מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְגַיֵּיר גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דִי גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעטוּן; קְרִיעַת יַם סוּף, מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק, מַתַּן תּוֹרָה, דִי אוֹתוֹת אוּן מוֹפְתִים נוֹרָאִים, נָאךְ דֶעם אַלֶעם זָאל מֶען אַזוֹי פַארְנַארְט וֶוערְן אוּן מַאכְן אַזַא זַאךְ - אַן עֵגֶל?!

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הָרֵיחַ הֲלָכָה ד, אוֹת לג): "וְכָל זֶה מֵחֲמַת שֶׁמֹּשֶׁה רַבֵּנוּ נִסְתַּלֵּק מֵהֶם אָז וְלֹא הָיָה בֵּינֵיהֶם, עַל כֵּן עִרְבֵּב הַשָּׂטָן אֶת הָעוֹלָם עַד שֶׁעָשׂוּ אֶת הָעֵגֶל", וִויבַּאלְד דֶער צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען, הָאט דֶער שָׂטָן גֶעהַאט דִי כֹּחַ צוּ פַארְנַארְן דִי אִידְן; וִוי הוֹיךְ מֶען זָאל נָאר זַיין, וִוי נָאר מֶען גֵייט אַוֶועק פוּנֶעם צַדִיק - פַאלְט מֶען אַרָאפּ פוּן דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגוֹת צוּ דִי גְרֶעסְטֶע טוּמְאָה. מֶען קֶען זַיין בַּיים בַּארְג סִינַי, מֶען הָאט נָארְוָואס מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, נָאכְאַלְץ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אִין אַ סַכָּנָה פוּן אַלֶעס פַארְלִירְן. אַזוֹי וִוי מֶען גֵייט אַוֶועק פוּנֶעם צַדִיק - אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט דָא; דֶער בַּעַל דָּבָר הָאט אַזֶעלְכֶע כֹּחוֹת, עֶר הֶעצְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ - בִּיז מֶען וֶוערְט אַן עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אוּן גְלַייךְ וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִיז אַלֶעס גוּט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט מַכְנִיעַ גֶעוֶוען דֶעם שָׂטָן, עֶר הָאט צֶעבְּרָאכְן דֶעם עֵגֶל אוּן שׁוֹין גֶעבְּרֶענְגְט אַ פְרִישֶׁע לוּחוֹת; וַוייל נָאר מִיט אַ צַדִיק קֶען מֶען הָאבְּן דִי תּוֹרָה אוּן זַיין בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיר דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם צַדִיק, מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג זוּכְן זִיךְ פוּן פְרִישׁ מְקָרֵב זַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְ'ס סְפָרִים אוּן זוּכְן וִוי מֶען קֶען גֶעפוּנֶען אִין אוּנְזֶער דוֹר דֶעם צַדִיק.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם, בָּשָׂר וְחָלָב הֲלָכָה ה, אוֹת כב): "עִקַּר חֵטְא הָעֵגֶל הָיָה עַל יְדֵי

שֶׁפָּגְמוּ בִּכְבוֹד מֹשֶׁה וְתַלְמִידָיו״, דִי עֲבֵירָה פוּנֶעם עֵגֶל אִיז גֶעוֶוען אַז זֵיי הָאבְּן פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים, ״עַל יְדֵי שֶׁלֹּא הֶאֱמִינוּ שֶׁגַּם אַחַר הִסְתַּלְּקוּת מֹשֶׁה, עֲדַיִן תַּלְמִידָיו הַקְּדוֹשִׁים קַיָּמִים״, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז נָאכְן הִסְתַּלְקוּת פוּנֶעם צַדִּיק הָאֱמֶת אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן תַּלְמִידִים וָואס זֵיי קֶענֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען דִי וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וַאֲפִלּוּ לְפִי טָעוּתָם שֶׁמֵּת מֹשֶׁה, הָיָה לָהֶם לֵילֵךְ לְתַלְמִידָיו הַקְּדוֹשִׁים וְלִשְׁאֹל מֵהֶם הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר יֵלְכוּ בָהּ״, אֲפִילוּ לוֹיט זֵייעֶר טָעוּת, אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז נִישְׁטָא, וָואלְטְן זֵיי נָאךְ גֶעקֶענְט גֵיין צוּ אַהֲרֹן, חוּר אוּן יְהוֹשֻׁעַ וְכוּ׳.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים. דֶער רֶבִּי אִיז דָא צְוִוישְׁן אוּנְז, וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים - בַּיי אִים לֶעבְּט דֶער רֶבִּי. בִּפְרַט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַא״שׁ הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט בִּירוּשָׁה, דָאס זֶענֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע סְפָרִים, עֶס הָאט אַ כֹּחַ צוּ שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ דִי גְרֶעסְטֶע דַּרְגָּא. דִי סְפָרִים הָאבְּן אַ כֹּחַ, עֶס עֶפְנְט אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען שֵׁיינֶע גְרוּסְן; דִי וָואךְ זֶענֶען גֶעקוּמֶען צְוֵויי אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן בַּאזוּכְט בַּיי עֶנְק. הָאבְּרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, אוּן הָאַבְרֵךְ ... ; בֵּיידֶע פוּן זֵיי זָאגְן אַז עֶס אִיז דָא בַּיי עֶנְק אַ שְׁטַארְקֶע ״אַחְדוּת״ אוּן ״תְּמִימוּת״; זֵיי קֶענֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן דִי לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַייךְ אוּן עֶנְקֶער תְּמִימוּת. אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט דָאס צוּ הֶערְן, וַוייל דִי צְוֵויי זַאכְן זֶענֶען זֵייעֶר וִויכְטִיג, אַז עֶס אִיז דָא אַחְדוּת, לִיבְּשַׁאפְט אוּן תְּמִימוּת, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין לֵיצָנוּת - דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי.

דִי בְּרִיוו וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ יֶעצְט דְרֵיי אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס - אִיז צוּ פַארְדַאנְקֶען מַיין זוּן, הַיֶּלֶד ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר וֵויינְט שׁוֹין מֶער פוּן אַ שָׁעָה, עֶר ווִיל נִישְׁט שְׁלָאפְן, עֶר הָאט מִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ ווִיל עֶנְק שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו לְכָבוֹד שַׁבָּת, לְמַעֲשֶׂה, פוּן אַזוֹיפִיל טִרְדוֹת אִיז דָאס מִיר אַרוֹיס פוּן קָאפּ.

הַיינְט בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען אַ גַאנְצְן טָאג אִין יְשִׁיבָה, פוּן נָאךְ שַׁחֲרִית בִּיז נַאכְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מִיט דִי חֲתַנִים פוּן יְשִׁיבָה. מִיר הָאבְּן יֶעצְט אַ מִנְיָן

חֲתָנִים אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי הֲלָכוֹת, הַדְרָכָה אוּן הַשְׁקָפָה אוֹיפְ'ן בַּאפֶעל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אַפָּאר מָאל גֶעבֶּעטְן צוּ לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים, זֵיי מַדְרִיךְ זַיין וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְן בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, אָן קַיין פַאלְשֶׁע לִימוּדִים. לֵיידֶער לֶערְנְט מֶען מִיט חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת פַאלְשֶׁע לִימוּדִים, קְרִיסְטְלִיכֶע לִימוּדִים, פְּרִישׁוּת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; דָאס אִיז גוֹרֵם אַז אִינְגֶעלַייט אוּן וַוייבְּלֶעךְ פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט דִי חוֹמָה, דִי שְׁמִירָה, דִי פַּת בְּסַלּוֹ.

עֶס קוּמֶען צוּ מִיר חֲתָנִים פוּן אַנְדֶערֶע יְשִׁיבוֹת אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט זֵיי, אָבֶּער אִיךְ לֶערְן נָאר מִיט תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וְכוּ', אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קפח): "הַצַּדִּיק אֵינוֹ מֵשִׁיב לוֹ הָאֲבֵדָה עַד שֶׁיִּדְרְשֶׁנּוּ אִם אֵינוֹ רַמַּאי וְשַׁקְרָן", דֶער צַדִּיק פְּרוּבִּירְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר עֶר לֶערְנְט מִיט אִים, אֵיידֶער עֶר גֶעבְּט אִים צוּרִיק זַיינֶע אֲבֵדוֹת - אוֹיבּ עֶר אִיז אַ פָּאפֶער, אַ לִיגְנֶער.

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מִיט דִי חֲתָנִים אַ גַאנְצְן טָאג, צְוֵויי פוּן דִי חֲתָנִים גֵייעְן וואוֹינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אֵיין חָתָן קוּמְט קַיין יְרוּשָׁלַיִם אוּן דֶער צְוֵוייטֶער קַיין בֵּית שֶׁמֶשׁ; בֵּיידֶע פוּן זֵיי זֶענֶען טַייעֶרֶע חָשׁוּבְ'עֶ חֲתָנִים, גוּטֶע כֵּלִים לְהַשְׁפִּיעַ בְּעֵזֶר ה' יִתְבָּרַךְ.

מִן הַשָּׁמַיִם הָאט מִיר מַיין זוּן אוֹיפְגֶעוֶועקְט, יֶעצְט אִיז עֶר שׁוֹין אַיינְגֶעשְׁלָאפְן, מֵעַז יָצָא מָתוֹק, פוּן וֵויינֶען אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוּו - הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעלוֹינְט.

בַּיי רֶבִּי נָתָן אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען, אַמָאל הָאט פַּאסִירְט אַז בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ נִישְׁט נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, אַ מְשׁוּגֶע'נֶער - אִין שׁוּל, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוּן פַארְפִּירְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ: "לְעוֹלָם וָואלְטְן מִיר אוֹיךְ וֶוען גֶעדַארְפְט אַזוֹי אוֹיסְזֶען, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג.) 'אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה', אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט נִישְׁט, 'אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת', נָאר נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז אַרַיין אִין אִים אַ רוּחַ שִׁגָּעוֹן; קוּמְט אוֹיס, לְפִי אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים הָאבְּן מִיר דָאךְ אַזוֹיפִיל רוּחַ שְׁטוּת, וָואלְטְן מִיר שׁוֹין גֶעדַארְפְט זַיין טוֹיט מְשׁוּגָע, נָאר

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אוּנְז רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוּן אוּנְז מְקָרֵב גֶעוֶועֶן צוּם רֶבִּי'ן, - זֶענֶען מִיר אַבִּיסְל נָארְמַאל". דֶער שְׁמוּעֶס הָאט זִיךְ פַארְצוֹיגְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ הֶערְלִיכֶע שְׁמוּעֶס; הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אָנְגֶערוּפְן: "אוֹיב פוּן אַ מְשׁוּגֶע'נֶער קוּמְט אַרוֹיס אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים - פֶּעלְט אוֹיס עֶס זָאלְן זַיין אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן".

אוּן אַז פוּן אַ קִינְד'ס וֵויינֶען קוּמְט אַ בְּרִיוו - פֶּעלְט אוֹיס אַ קִינְד זָאל וֵויינֶען; טוּט מִיר נָאר אַ טוֹבָה, זַייט נִישְׁט מִתְפַּלֵל אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיפְהֶערְן צוּ ווֵיינֶען כְּדֵי אִיר זָאלְט בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו, זַייט מִתְפַּלֵל אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ אוּן קֶענֶען אָנְקוּמֶען עֶנְק צוּ שְׁרַייבְּן יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער אוּן אוֹיךְ אַ בְּרִיוו יֶעדֶע וָואךְ.

טַייעֶרֶע בְּרוּדֶער, אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, זַייט נִישְׁט "סֶעלְפִישׁ"; אִין אַמֶערִיקֶע אִיז דָא אַ וָוארְט "סֶעלְפִישׁ", אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען רוּפְט עֶס בַּיי עֶנְק, סֶעלְפִישׁ הֵייסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נָאר פוּן זִיךְ, רֶעכְנְט זִיךְ נִישְׁט מִיט אַנְדֶערֶע. אַז מִיר זֶענֶען אִין "גַּן עֵדֶן", מִיר הָאבְּן פַארְזוּכְט פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין, דַארְפְן מִיר דָאס אוֹיךְ מְזַכֶּה זַיין פַאר אַנְדֶערֶע. פַארְוָואס נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן נָאךְ אַ בָּחוּר, נָאךְ אַ אִיד - זָאל פַארְזוּכְן פוּן דִי גוּטֶע זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן?

נֶעמְט דֶעם שֵׁיינֶעם גִּלָּיוֹן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, סַיי דִי אִידִישֶׁע אוּן סַיי דִי מְתּוּרְגָם אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, דִי שֵׁיינֶע קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אִישׁ אֱמוּנוֹת - דִי אִידִישֶׁע אוּן דִי מְתּוּרְגָם'דִיגֶע, פַארְשְׁפְּרֵייטְס דָאס פַאר אַנְדֶערֶע, פַארְשְׁפְּרֵייטְס דָאס אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מְתּוּרְגָם אִיז אַזוֹי שֵׁיין, עֶס הָאט אַזַא טַעַם, אַלֶע לֵיינֶען דָאס. עֶס שְׁרַייבְּן מִיר פוּן אַלֶע קְרֵייזְן, חֲסִידִי'שֶׁע, לִיטְווִישֶׁע, סְפַרְדִי'שֶׁע; רַבָּנִים, דַיָּנִים, לוֹמְדִים, מְלַמְדִים, מַגִּידֵי שִׁיעוּר; אַלֶע שְׁרַייבְּן פֶּה אֶחָד אַז דָאס אִיז זֵייעֶר עֹנֶג שַׁבָּת, דָאס אִיז זֵייעֶר חִיזוּק, זֵייעֶר שֵׂכֶל; עֶס קוּמֶען אָן הוּנְדֶערְטֶער אַזֶעלְכֶע בְּרִיוְון טֶעגְלִיךְ.

דֶער גַבְּאֵי הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, שְׁרַייבְּט מִיר דִי וָואךְ אַז מֶען עֶנְדִיגְט יֶעצְט מְתַּרְגֵם זַיין דִי הוּנְדֶערְטְ'סְטֶע קוּנְטְרֵס פוּן "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" מְתּוּרְגָם. זַיין

מִשְׁפָּחָה אִיז דָאס מְתֻרְגָּם וָואךְ נָאךְ וָואךְ, פֶערְצִיג שָׁעָה אַ וָואךְ, אַזוֹיפִיל שָׁעָה וִויפִיל אַ אִינְגֶערְמַאן אַרְבֶּעט בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע אַ וָואךְ. נִישְׁט יֶעדֶער קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, אַרַיינְלֵייגְן אִין הֲפָצָה פֶערְצִיג שָׁעָה אַ וָואךְ. קֵיינֶער צָאלְט נִישְׁט פַאר דֶעם, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן דָאס טוּן, נָאר עֶס בְּרֶענְט אִין זֵיי "הֲפָצָה". פוּן אַייךְ אַלֶע בֶּעט אִיךְ נִישְׁט קַיין פֶערְצִיג שָׁעָה; גֶעבְּט אַבִּיסְל צַייט פַאר הֲפָצָה.

דִי גִּלְיוֹנוֹת קֶען מֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ, עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין נָאר שַׁבָּת. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוֹיסְגֶעהוּנְגֶערְט פַאר חִיזוּק, הוּנְגֶערִיג פַאר פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען שׁוֹין מִיד פוּן דִי אַלֶע גִּלְיוֹנוֹת, תּוֹרוֹת, עִנְיָנִים, מְשָׁלִים וּמְלִיצוֹת. אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער נָבִיא (יְשַׁעְיָה ז, יג): "הַמְעַט מִכֶּם הַלְאוֹת אֲנָשִׁים, כִּי תַלְאוּ גַּם אֶת אֱלֹקַים", מֶענְטְשְׁן וֶוערְן מִיד פוּן דִי אַלֶע שֵׁיינֶע מְשָׁלִים אוּן מְלִיצוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כח): "אֲנָשִׁים חוֹשְׁבִים שֶׁיָּבוֹאוּ לְאֵיזֶהוּ תּוֹעֶלֶת עַל יָדָם", מֶענְטְשְׁן זוּכְן "לָדַעַת אֵיךְ לַעֲבֹד אֶת ה'", אוּן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען קֶען גָארְנִישְׁט נָאכְטוּן, בִּיז מֶען זָאגְט: "לֹא יִרְאֶה וְלֹא יָבִין אֱלֹקִים", - קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז גּוֹרֵם מֶענְטְשְׁן זָאלְן אָפְּלָאזְן אִידִישְׁקֵייט.

מַה שֶּׁאֵין כֵּן דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, דָאס הָאט אַ כֹּחַ אַז עֶס בְּרֶענְגְט צוּרִיק פוּן דִי וַוייטְסְטֶע מְקוֹמוֹת - צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי גִּלְיוֹנוֹת אוּן סְפָרִים וַוייזְן דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דוּ קֶענְסְט תְּשׁוּבָה טוּן', דֶער מֶענְטְשׁ לֵיינְט אַ צְוֵוייטֶע דְרֵיי בְּרִיוְון, עֶר הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ נַחַת רוּחַ פוּן מַיינֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים'; דָאס אִיז דִי פַאקְט, פַארְוָואס אִיז דָאס אַזוֹי? פַארְוָואס דִי דִיבּוּרִים הָאבְּן אַ כֹּחַ? וַוייל נָאר דֶער רֶבִּי קֶען אַלֶעמֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען, אֲפִילוּ מֶען הָאט שׁוֹין אַרַיינְגֶעשָׁאסְן אַלֶע צֶען פַייְלְן בַּאשְׁמִירְט מִיט אַלֶע צֶען גִיפְטְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס - דֶעם לֶעצְטְן טָאג): "אוּן אִיךְ הֵייל זֵי".

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, זַייט נִישְׁט "סֶעלְפִישׁ", יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל זִיךְ בַּאנֵייעֶן אִין "הֲפָצָה"; שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט מִיט הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. עֶס אִיז שׁוֹין הַיינְט גָארְנִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ זַיין אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אַ בּוּשָׁה אִיז צוּ זַיין בַּיי

אַ רֶבִּי וָואס מֶען בַּאקוּמְט גָארְנִישְׁט, זִיךְ דְרֵייעֶן אִין אַ פְּלַאץ אָן הָאבְּן מְסַיֵּים גֶעוֶוען אֲפִילוּ אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אִין יַבְנְאֵל הָאט מֶען דִי וָואךְ גֶעעֶפְנְט אַ דְרוּק, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרוּקְן דִי גִלְיוֹנוֹת, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְכוּ', דָאס אִיז פַאר מִיר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. מוֹהֲרָא"שׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען פְרֵיילִיךְ אַז דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן רֶבִּי'ן וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ גֵייט וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, "לֹא יִכְבֶּה בַלַּיְלָה נֵרָהּ" (מִשְׁלֵי לא, יח).

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ קוּם אִיךְ גְלַייךְ נָאךְ פּוּרִים.

...

## אַז מֶען פָארְט צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן, דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ט אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען עֶס קוּמְט דִיר אוֹיס גוּט צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן - זָאלְסְטוּ פָארְן, דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן גָארְנִישְׁט; אַז מֶען פָארְט צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן - אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

בְּנוֹגֵעַ נֶעמֶען אַ קִינְד פַאר דִי זִיבְּן וְכוּ'; דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז אַ קִינְד וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים פַאר דִי זִיבְּן יָאר וֶועט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט אַ רֵיינֶע הֶעמְד (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקיז). וֶוען טַאטֶע מַאמֶע הֶערְן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער פוּן אַ צַדִיק - וֶוערְט בִּיטוּל הַבְּחִירָה, אַלֶע מְנִיעוֹת וֶוערְן אוֹיס; וָואס קֶען אָפְּהַאלְטְן אוּן וֶוער זָאל אָפְּהַאלְטְן עֶלְטֶערְן פוּן נֶעמֶען אַ קִינְד פַאר דִי זִיבְּן יָאר וֶוען מֶען הֶערְט אַזַא הַבְטָחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

מִיר נֶעמֶען דִי קִינְדֶער קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן וֶוען מִיר פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; פוּן אַ יָאר פַאר דִי זִיבְּן נֶעמֶען מִיר יֶעדֶעס יָאר דִי קִינְדֶער. עֶס זֶענֶען דָא אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זָאגְן 'מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ צֶעשְׁטֶערְטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיבּ מִיר

וֶועלְן זִיךְ דַארְפְן פָארֶען מִיט דִי קִינְדֶער׳, זֵיי לָאזְן אִיבֶּער דִי קִינְדֶער זָאלְן בְּלַייבְּן מִיט דִי וַוייבּ; עֶס אִיז נַארִישׁ אַזוֹי צוּ טְרַאכְטְן, נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע עֲבוֹדָה וְוי חִינוּךְ הַבָּנִים, אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי אִים אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען, - נֶעמֶען מִיר דִי קִינְדֶער, זֵיי מְחַנֵךְ זַיין זֵיי זָאלְן אוֹיךְ קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס זָאל זַיין בַּיי זֵיי אִין דִי בֵּיינֶער פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן יֶעדֶעס יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מְיַחֵד זַיין יִחוּדִים

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן פוּן רֶבִּינְ׳ס קִינְדֶער יָארְן. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶועזְן אַ יוּנְג קִינְד הָאט עֶר גֶעוָואלְט מְקַיֵּם זַיין דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים טז, ח): "שִׁוִּיתִי ה׳ לְנֶגְדִּי תָמִיד", שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אַלְץ גֶעטְרַאכְט פוּן דִי שֵׁם הֲוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא.

לָאמִיר פְּרוּבִּירְן צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, לָאמִיר פַארְמַאכְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן אוּן טְרַאכְטְן פוּן דֶעם אוֹת יוּ"ד, יֶעצְט פוּן דֶעם אוֹת הֵ"י, יֶעצְט אוֹת וָי"ו אוּן אוֹת הֵ"י. יֶעצְט לָאמִיר טְרַאכְטְן פוּן אַלֶע פִיר אוֹתִיּוֹת אִינְאֵיינֶעם, דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶעס מָאל מֶען טְרַאכְט פוּן דִי פִיר הֵיילִיגֶע אוֹתִיּוֹת י-ק-ו-ק אִיז מֶען מְקַיֵּם אַ מִצְוָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ תַּעֲנוּג יֶעדֶעס מָאל מֶען אִיז

מְיַחֵד אַ שֵׁם, דָאס פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טוּן אִין די יוּנְגֶע יָארְן אַלְס קְלֵיין קִינְד.




"וָואס חָלוֹמְ'סְטוּ?!"

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזִיצְן אִין חֵדֶר בִּשְׁעַת דֶער מְלַמֵּד פְלֶעגְט פָארְלֶערְנֶען גְּמָרָא הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ פַארְטְרַאכְט אִין דִי הֵיילִיגֶע אוֹתִיּוֹת, זַיין מְלַמֵּד הָאט נִישְׁט גֶעוְוּיסְט פַארְוָואס דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן חָלוֹמְ'ט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוְוּיסְט וָואס דָא טוּט זִיךְ, עֶר פְלֶעגְט שְׁרֵייעֶן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן עֶר זָאל נִישְׁט חָלוֹמְ'עֶן. מִיר

וֵוייסְן אָבֶּער אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט פוּן נַארִישְׁקֵייטְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַפָּאר זַאכְן, 1) דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן טְרַאכְטְן דֶעם שֵׁם הֲוַיָ"ה. 2) דָאס אִיז אוֹיךְ פַאר קִינְדֶער, קְלֵיינֶע קִינְדֶער קֶענֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע זַאכְן. 3) יֶעצְט וֵוייסְן מִיר שׁוֹין וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְיַחֵד יִחוּדִים, מִיר קֶענֶען דָאס אוֹיךְ טוּן; מֶען טְרַאכְט פוּן אוֹת י', פוּן אוֹת ה', אוֹת ו' אוּן אוֹת ה'; עֶס אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, אַ שָׁאד מִיר זָאלְן דָאס נִישְׁט טוּן. 4) מִיר לֶערְנֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים, אַ צַדִיק טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר חָלוֹמְ'ט - וֵוייסְן מִיר אַז עֶר טְרַאכְט פוּן אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא.

בס"ד

# בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך

## צו אייער טיר

אויף די פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים

# עצתו אמונה

הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,

געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'

## יואל רוטה

שליט"א

היכל הקודש

חיזוק צום טיר

רופט אדער טעקסט

קרן הדפסה היכל הקודש

718•387•2691

אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org

goodpointmediainc@gmail.com